בס"ד

# פרדס יהודה

על חג השבועות

## יהודה זבולון הלוי קליטניק

על חג השבועות

מהדורא מתוקנת תש"פ

# דרוש לשבועות

**אשר בחר בנו מכל העמים**

אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים, וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ. און אַתָּה בְחַרְתָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים, פרעגט דער קהלת יצחק (מגיד מפורסם אין ווילנא) א תמיה פון די גמ' (ע"ז דף ב ע"ב) וַיֹּאמַר ה' מִסִּינַי בָּא וְזָרַח מִשֵּׂעִיר לָמוֹ הוֹפִיעַ מֵהַר פָּארָן (דברים לג ב) און אֱלוֹקַּ מִתֵּימָן יָבוֹא, (חבקוק ג ג) פרעגט די גמ' מאי בעי בשעיר ומאי בעי בפארן, וואס האט דער אויבערשטער געטאן אין שֵׂעִיר און אין פָּארָן? זאגט ר' יוחנן מלמד שהחזירה הקב"ה על כל אומה ולשון ולא קבלוה עד שבא אצל ישראל וקבלוה, שטייט אז דער אויבערשטער איז פריערט געגאנגען צו די פעלקער און ערשט נאכדעם צו די אידן, איז וואס מיינט דער אויבערשטער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער?

נאך דארף מען פארשטיין דאס וואס די אידן האבן געזאגט נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע מיר וועלן טאן און נאכדעם הערן, ווי קען מען טאן איידער מען האט געהערט? דאס זעלבער איז שווער דאס וואס שטייט אין די גמרא (שבת דף פ"ח ע"א) אז רבא זאגט די אידן האבן נאכאמאל מקבל געווען די תורה בימי אחשורוש דכתיב קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ הַיְּהוּדִים (אסתר ט כז) קיימו מה שקבלו כבר, לכאורה מוז מען דרשנען דעם פסוק ווייל קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ: עס איז נישט שייך צו מקיים זיין פאר מען האט מקבל געווען, דעריבער דרשענט מען קיימו מה שקבלו כבר, אבער עס איז דא א פשט פון הגאון ר' בן ציון ראקאוו זצ"ל (ר"י חיי עולם לונדון) אז קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ און נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע איז איין מהלך, –און מען קען מרחיב זיין אין זיין רייד– ווייל ביי כלל ישראל איז אמונה פשוטה פון די שטארקע יסודות, און אויב דער אויבערשטער האט געזאגט אז ער וויל געבן א תורה ווייסן כלל ישראל אז עס איז זיכער גוט און אפילו עס וועט זיין שווער, און זיי ווייסן אז נאר ווען עס איז שווער איך שייך אמונה, ווייל ווען עס איז גוט קען מען חלילה פארגעסן כידוע, ממילא ווען דער אויבערשטער קומט צו די אידן און וויל געבן א תורה האבן די אידן געענטפערט: אוודאי! נַעֲשֶׂה, וואס דער אויבערשטער וועט אונז הייסן וועלן מיר טאן, אפילו מיר פארשטייען נישט, וְנִשְׁמָע, און שפעטער וועלן מיר הערן און פארשטיין, דאס זעלבע איז געווען קִיְּמוּ, די אידן האבן צוגעזאגט אז זיי וועלן מקיים זיין די תורה באמונה האט פארשטיין און נאכדעם וְקִבְּלוּ, און דאס פארשטיין.

און באמת דער מהלך איז א רש"י אין די גמ' דארט –וואס א צדוקי האט געזען ווי רבא איז פארטיפט אין לערנען און זיינע פינגער זענען געווען אונטער זיין קניא, און די פוס האט צורינן די פינגערס און עס האט געגאסן בלוט זאגט אים די צדוקי, אויב תורה איז אזוי שווער פארוואס, דקדמיתו פומייכו לאודנייכו, האבן די אידן זיך געיאגט, און געזאגט נעשה ונשמע – וז"ל רש"י "קודם ששמעתם אותה היאך היא קשה ואם תוכלו לעמוד בה קבלתם עליכם לקיימה?" האט אים רבא געענטפערט: כלל ישראל איז אנדערש פון די פעלקער דסגינן בשלימותא - התהלכנו עמו בתום לב כדרך העושים מאהבה וסמכנו עליו שלא יטעננו בדבר שלא נוכל לעמוד בו: אידן גייען בתמימות אז דער רבש"ע מיינט נאר זייער טובה, אפילו מיר פארשטייען עס נישט,

מיט דעם מהלך וואס אידן גייען נאר בתמימות מיט אמונה פשוטה, און א גוי פארשטייט דאס נישט, איז גוט וואס חז"ל זאגגן (ספרי דברים) וַיֹּאמַר ה' מִסִּינַי בָּא וְזָרַח מִשֵּׂעִיר לָמוֹ הוֹפִיעַ מֵהַר פָּארָן (דברים לג ב) וז"ל כשנגלה המקום ליתן תורה לישראל לא על ישראל בלבד הוא נגלה אלא על כל האומות בתחילה הלך אצל בני עשו ואמר להם מקבלים אתם את התורה אמרו לו מה כתוב בה אמר להם לא תרצח אמרו לפניו רבש"ע כל עצמו של אותו אביהם רוצח הוא וכו' הלך לו אצל בני עמון ומואב הלך ומצא בני ישמעאל אמר להם מקבלים אתם את התורה אמרו לו מה כתוב בה אמר להם לא תגנוב וכו' לא היתה אומה באומות שלא הלך ודבר ודפק על פתחה אם ירצו ויקבלו את התורה עכ"ל וואס דאס איז א פלא אז דער רבש"ע ווייזט פאר די אומות די שווערע זאכן פון די תורה ווייל די דרך פון א סוחר איז צו ווייזן פריערט די גוטע סחורה און נאכדעם באווייזט ער די שוואכע סחורה! נאר מען קען מחדש זיין אז דאס איז געווען די חילוק צווישן די אידן און די אומות, אוודאי איז דער רבש"ע פריערט געגאנגען צו די פעלקער און זיי געוואלט געבן די תורה, אבער ער האט געוואוסט אז תורה קען מען נאר באקומען אויב מען איז דאס מקבל זיין בתמימות און אמונה פשוטה, אפילו מען פארשטייט נישט, דעריבער מהאי טעמא האט דער רבש"ע באוויזן פאר די פעלקער די שוועריקייט פון די תורה און זעהן אויב זיי וועלן דאס מקבל זיין בתמימות, אבער די פעלקער האבן דאך נישט דעם השגה, דעריבער האבן זיי נישט געוואלט מקבל זיין, אבער כלל ישראל דער עם הנבחר וואס אין אלע דורות האבן זיי געלעבט בתמימות און אמונה פשוטה, וואס אברהם אבינו האט אין זיי דאס איינגעווארצלט, ממילא ווען דער אויבערשטער איז געקומען געבן די תורה איז געווען נַעֲשֶׂה, וואס עס שטייט אין די תורה וועלן מיר טאן בתמימות, און נאכדעם וְנִשְׁמָע, מיר וועלן דעמאלטס פארשטיין, און דאס מיינט קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ, מען וועט מקיים זיין בתמימות און נאכדעם וְקִבְּלוּ און פארשטיין.

איז הפלא אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ, דער אויבערשטער האט אונז אויסגעקליבן וועגן אונזער תמימות און אמונה פשוטה, מִכָּל הָעַמִּים, וואס זיי האבן נישט קיין השגה אין דעם, און דעריבער וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ,טאקע וועגן די מעלות, און אַתָּה בְחַרְתָּנוּ וועגן די מעלות, מִכָּל הָעַמִּים, און וועגן דעם, אָהַבְתָּ אוֹתָנוּ וְרָצִיתָ בָּנוּ, אשרינו מה טוב חלקינו און מיט תמימות און אמונה פשוטה וועלן מיר גיין אנקעגן משיח בב"א (שמח זבולון תש"פ)

**פרקי אבות פרק ו' איז א הכנה פאר שבועות**

דער מנהג העולם איז צו ענדיגן די 6 פרקים צווישן פסח און שבועות. פרק ששי האט 11 משניות און 11פסוקים וועגן קנין התורה. און עס איז פונקט גוט אז דעם פרק לערנט מען טאקע פאר קבלת התורה. כדי צו וויסן פריערט ווי אזוי איז מען קונה תורה און מאכן די ריכטיגע הכנה פאר קבלת התורה. אויך איז פאסיג צוויי מאל 11 איז 22, כמנין כ"ב אותיות התורה, און וועגן דעם זענען די ערשטער 5 פרקים וועגן עניני דרך ארץ ווייל דרך ארץ איז קדמה לתורה, און פרק ו' איז די הכנה, און נאכדעם קען זיין קבלת התורה אין שבועות. דער הייליגער בית אהרן פון קארלין ברענגט אז די יומים טובים באקומען זייער ברכה פון דער שבת פאר דעם, ממילא יו"ט שבועות וואס איז קבלת התורה דארף מען פריערט לערנען פרק ו' פון פרקי אבות.

(שמח זבולון תשע"ט)

**הכנה צו קבלת התורה**

1] מען האט געדארפט מאכן א הכנה און די הכנה פון קבלת התורה איז געווען נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע. ווייל מיט דעם וואס די אידן האבן געוויזן דעם אויבערשטן אז זיי געטרויען אים, ווייל ער איז א נותן טוב, ממילא נַעֲשֶׂה. מיר וועלן טאן. און מיט דעם האט זיך געשאפט א נאנטקייט פון כלל ישראל צום אויבערשטן.

(חשבה לטובה אלעסק)

2] שטייט אין די ספרי חסידות אז די ספירה פון זיבן וואכן איז א הכנה פאר קבלת התורה, און קען זיין דאס מיינט חַג הַשָּׁבֻעֹת – דורך די זיבן וואכן פון הכנה קען מען צו גיין צום חג, און דער עומר האט אויך אריינגעברענגט אמונה אין השגחה פרטית, מען איז געווען זיכער אז עס וועט זיין, וואס דאס איז די יסוד פון כל התורה כולה. (שמח זבולון תשע"ט)

3] וְהָיוּ נְכֹנִים לַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי: (י"ט י"א) זאגט דער **לב שמחה** פון גור, אז דא ליגט צוויי שטארקע נקודות: איינס אז מען דארף מאכן א הכנה פאר קבלת התורה, און אויך שטייט וְהָיוּ א לשון עתיד, אז די הכנה זאל העלפן אז די קבלת התורה זיין בלייבן אויף ווייטער נאך יום טוב. דער הייליגע בית אהרן ברענגט וְהַשִּׂיאֵנוּ ה"א אֶת בִּרְכַּת מוֹעֲדֶיךָ, מען דארף אנלאדענען אין זיך די מועדים, און עס זאל בלייבן א רשימה פון יו"ט, שטענדיג.

**ב' סיון הוא יום המיוחס**

דער טעם איז ווייל וואס דעמאלטס האט דער אויבערשטער געזאגט: וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל הָעַמִּים כִּי-לִי כָּל-הָאָרֶץ: וגו' וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ: (שם ה-ו) כלל ישראל איז א אויסגעצייכנטן פאלק. נאך א טעם: ווייל אין דעם טאג פון ב' סיון וועט אויך אויספאלן יום כיפור דעם קומענדיגן יאר. (עירין קדישין רוזין) נאך א טעם: ווייל עס שטייט אין ילקוט שמעוני (סי' תרפ"ד) בשעה שקבלו ישראל את התורה נתקנאו בהם אומות העולם וכו' סתם הקב"ה את פיהם ואמר הביאו לי ספר יוחסין שלכם ע"כ. דורך די ספר יוחסין האט דער אויבערשטער געגעבן די תורה כלל ישראל, דעריבער הייסט דאס יום המיוחס וועגן די ספר יוחסין. און ווייל ב' סיון האט נישט געהאט קיין חשיבות. דעריבער האט מען באשטימט ב' סיון א יו"ט וועגן די ספר יוחסין וואס כלל ישראל האבן געברענגט, קומט אויס אז פון א' סיון ביז שבועות האט יעדן טאג א געוויסע חשיבות. (שמח זבולון תשע"ט)

**שלשת ימי הגבלה**

וְהָיוּ נְכֹנִים לַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי: (י"ט י"א) דריי טעג האבן זיי זיך מקדש ומטהר געווען און זיך גרייטן צו קבלת התורה. הרה"ק ר' מנחם מענדל מרימינוב זיע"א פרעגט: וואס האבן די אידן געטאן ביים בארג סיני ביז קבלת התורה, זיי האבן נישט געהאט די תורה צו לערנען? און ער ענטפערט אז זיי האבן געזאגט אהבה רבה. (ילקוט מנחם) אין זיין ספר **בארת המים** ברענגט ער: אז כלל ישראל האבן געבעטן צום אויבערשטן וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ. דער הייליגע סאדיגורא זאגט: אז אין די טעג האבן די אידן זיך אויסגעארבעט און דערגרייכט צו מדריגת הָאָבוֹת הקדושים. וואס די הייליגע אבות האבן משיג געווען תורה איידער מען האט דאס געגעבן. אין זוהר הק' שטייט (ח"ב צ"ד) אז דער רבש"ע האט אויסגעלערנט די אידן די טעג מעשה בראשית און מעשה מרכבה.

## פְּנִינִים לְחַג הַשָּׁבוּעוֹת

### די נעמען פון יו"ט

1] **שמות החג די 4 נעמען פון שבועות**

דער יו"ט שבועות האט פיר נעמען חַג הַקָּצִיר, חַג הַשָּׁבֻעֹת, **יוֹם הַבִּכּוּרִים**, **עֲצֶרֶת**, די ערשטע דריי שטייט אין די תורה. **חַג הַקָּצִיר**: שטייט וְחַג הַקָּצִיר בִּכּוּרֵי מַעֲשֶׂיךָ אֲשֶׁר תִּזְרַע בַּשָּׂדֶה (שמות כג טו) **חַג הַשָּׁבֻעוֹת**: שטייט וְחַג שָׁבֻעֹת תַּעֲשֶׂה לְךָ בִּכּוּרֵי קְצִיר חִטִּים (שם לד כב) און אויך שטייט וְעָשִׂיתָ חַג שָׁבֻעוֹת לַה' אֱלֹקֶיךָ (דברים טז י) **יוֹם הַבִּכּוּרִים**: שטייט וּבְיוֹם הַבִּכּוּרִים בְּהַקְרִיבְכֶם מִנְחָה חֲדָשָׁה לַה' בְּשָׁבֻעֹתֵיכֶם וגו' (במדבר כח כו) דער נאמען **עֲצֶרֶת** האבן די חז"ל געגעבן.

2] **פארוואס רופן מיר דאס חג השבועות**

שטייט אין ספר **טוּר בָּרֶקֶת** (סי' קצ"ד) (זכר דוד מר' דוד זכות מודינא דף רנ"ד) פארוואס רופט מען דאס חַג הַשָּׁבֻעוֹת? ווייל דער אויבערשטער האט געשוואוירן צו די אידן אז ער וועט זיי נישט בייטן פאר א אנדערע פאלק, און די אידן האבן געשוואוירן צום אויבערשטן אז זיי וועלן אים נישט איבערבייטן, און ווייל די שְׁבוּעוֹת זענען געווען ממש פאר מתן תורה דעריבער רופט מען דעם יו"ט: שְׁבוּעוֹת. און ער לייגט צו אז דעריבער איז דאס לשון רבים שְׁבוּעוֹת וועגן די צוויי שְׁבוּעוֹת.

שטייט אין של"ה הק' (דף קצו) עס הייסט שָׁבֻעוֹת ווייל דער שורש איז שב"ע וואס איז די ר"ת איז שבועות ביכורים עצרת.

**דער יו"ט האט 4 נעמען שבועות, ביכורים, עצרת און מתן תורתינו.** מען זאגט נאך פון הגאון מווילנא זיע"א א רמז שבע"ת איז נוטריקון: שבועות, ביכורים, עצרת און [זמן מתן] תורתינו.

**יו"ט שבועות האט זיבן נעמען און זיי זענען מרומז אין די ראשי תיבות "חקת שבע"ה" וואס זענען די 7 נעמען?** ח- יום החמישים, ק- חג הקציר, ת- חג מתן תורה, ש- חג השבועות, ב- חג הביכורים, ע- עצרת, ה- הקהל

**פארוואס הייסט שבועות מיטן לשון עצרת?**

שטייט אין ספר ליקוטי מהרי"ח בשם דעם הייליגן קדושת לוי, אז יו"ט פסח האט א מצוה פון מצה וואס איז עבודה און די איסור פון עסן חמץ, סוכות איז די עבודה פון לולב און די מצוה פון סוכות, אבער שבועות האט נאר די עבודה פון נישט טאן מלאכה, און עצרת מיינט עצורים בעשיית מלאכה, צוריק האלטן פון ארבעט, אין רש"י פ' פנחס פון די ספרי וביום השמיני עצרת, דעריבער הייסט יו"ט שבועות: עצרת פון מלאכה. ממילא לויט דעם איז זייער גוט וואס מען טרעפט סיי ביי שמיני עצרת און סיי ביי שביעי של פסח אז זיי ווערן אנגערופן עצרת! און דער

ענין איז ווי פריערט ווייל דעמאלט איז נאר די מצוה פון עצרת פון נישט טאן א מלאכה! מיט דעם איז מיושב באופן פלא פארוואס שטייט נישט אין די תורה אז שבועות הייסט עצרת? ווייל דעמאלטס אין שבועות איז געווען אין בית המקדש די מצוה פון שתי הלחם, ממילא האט שבועות אויך געהאט א מצוה, דארף מען נישט זאגן עצרת, אבער שפעטער איז דאס נישט געווען שתי הלחם, איז נאר די מצוה פון נישט טאן מלאכה, דעריבער הייסט דאס עצרת. (ליקוטי מהרי"ח)

**נאך א טעם פארוואס הייסט דער יום טוב שבועות עצרת**

**ווייל אין** יו"ט פסח האט דער רבש"ע אראפ געשיקט גרויסע השפעות און כל טוב, אבער כלל ישראל איז נאך נישט געווען אויסגערייניגט פון טומאת מצרים בשלימות און מען האט געמוזט ציילן ספירה ביז שבועות ווען כלל ישראל איז שוין געווארן אויסגערייניגט און געקענט נעמען די השפעות צו זיך אז דאס איז דער לשון עצרת: מען נעמט צוזאמען צו זיך די גוטע השפעות.

**עס איז** דא א טעם פון די חכמי הספרדים: ווייל עצרת איז א לשון פון זיך איינהאלטן: מיינט מען זיך איינהאלטן פון דעם יצר הרע. און ווייל די תורה איז דער מיטל מען זאל זיך איינהאלטן פון דעם יצר הרע. -בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין- דעריבער רופט מען דעם יו"ט עצרת.

**פארוואס** רופט מען דאס זמן מתן תורתנו און נישט זמן קבלת תורתינו? ווייל דער זמן פון קבלת התורה איז יעדן טאג, און מתן תורתינו איז נאר אין שבועות. (הרה"ק מקוצק)

**שיינע רמז אויף שבועות**

וַיֹּאמֶר אָנֹכִי אֱלֹקֵי אָבִיךָ: (שמות ג ו) **שטייט אין שער יששכר** פון הייליגן מונקאטשער זצוק"ל וואס ער האט געהערט פון הגה"צ ר' צבי אלימלך מבירטש זצוק"ל אז דער פסוק איז געווען די הכנה צום קבלת התורה אזוי ווי עס שטייט נאכדעם (פסוק יג) בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹקִים עַל הָהָר הַזֶּה. און דאס איז דער רמז אָנֹכִי פון עשרת הדברות וואס איז געזאגט געווארן חג השבועות, און עס איז באוואוסט די גמ' (פסחים דף ס"ח ע"ב) רב יוסף ביומא דעצרתא אמר האט געזאגט אין שבועות עבדי לי עגלא תלתא, אמר אי לא האי יומא דקא גרים, ווען נישט דעם טאג שבועות וואס איז געווען קבלת התורה כמה יוסף איכא בשוקא וואלט געווען געווען יוסף'ס אין גאס, אבער יעצט איז ער ר' יוסף. אֱלֹ-הֵי אָבִיךָ איז די ר"ת אי לא האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא.

**התלהבות התפילה פון הייליגן חת"ם סופר אין שבועות**

עס האט דערציילט הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זיע"א פון זיין הייליגן זיידן דער שר שלום פון בעלזא אז עס זענען געווען עטליכע פון זיינע חסידים וואס זענען געפארן אויף מסחר קיין ווין און עס האט זיך פארצויגן זייער געשעפטן און עס איז געווארן נאנט צו שבועות האבן זיי מחליט געווען אז מאען פארט קיין פרעשבורג צו זיין ביים הייליגן חת"ם סופר, און זיי האבן באקומען א שטארקן התעוררות פון דארט, זיי זענען צוריק קיין בעלז און האבן דערציילט אז זיי זענען געווען אויף א גאנצע נאכט און נאכדעם געדאווענט מיטן חת"ם סופר און דאס איז געווען א דאווענען! האט זיך דער שר שלום אנגערופן: דעם התלהבות וואס דער חת"ם סופר האט ביי שחרית אין שבועות האבן מיר דאס נישט אפילו ביי נעילה פון יום כיפור, איז נישט קיין וואונדער אז מען דארף אים רופן דער הייליגער חת"ם סופר. (החסידות בעלז דף רפ"ז)

**קבלת התורה יעדן טאג**

**פארוואס** שטייט נישט אין די תורה אז מען האט געגעבן די תורה אין שבועות? נאר עס שטייט אין פסוק (שמות י"ט א') ביום הזה באו מדבר סיני פרעגט רש"י עס וואלט געדארפט שטיין ביום ההוא, און פארוואס שטייט ביום הזה? שיהיו דברי תורה חדשים עליך כאילו היום נתנו: זעט מען אז עס איז שייך מתן תורה יעדן טאג דעריבער שטייט נישט אין די תורה אז מען האט געגעבן די תורה אין שבועות ווייל עס איז ביום הזה, יעדן טאג. (עקידת יצחק- אלכסנדר) כמעט דער בחינה שטייט אין הייליגן ספר בית אהרן וז"ל: כי באמת קבלת התורה היא בכל זמן, רק במעמד הר סיני היו קולות ולפידים, וכל דבר בהתגלות, וכעת הכל בהסתר עכ"ל.

**שָׁבֻעוֹת אדער שְׁבוּעוֹת**

שטייט אין די תורה (דברים ט"ז ט"ז) ובחג הַשָּׁבֻעוֹת א קמ"ץ אונטערן שי"ן, זאגט דער הייליגער אור החיים אין זיין ספר טוּר בָּרֶקֶת אַל תִּקְרֵי שָׁבוּעוֹת בקמץ תחת השי"ן **אלא בשווא** -און מיר רופן דאס שְׁבוּעוֹת- ווייל עס איז א חג שנעשו בו שתי שְׁבוּעוֹת, איין שְׁבוּעָה: אז ער וועט אונז נישט בייטן פאר א אנדערע פאלק, די צווייטע שְׁבוּעָה איז: מיר וועלן קיינמאל נישט אוועקגיין פון אים, דעריבער זאל מען זאגן שְׁבוּעוֹת.

וַיְהִי קוֹל הַשֹּׁפָר הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד: (שמות י"ט י"ט) הולך איז א לשון הווה. עס גייט יעצט. ווייל דער קול השופר פון מתן תורה איז נאך ממשיך און גייט אין אלע דורות. עס איז אליין שטארק און מחזק אנדערע. (בית אהרן) דעריבער ווערט געברענגט אז צדיקים זענען זוכה צו הערן די קולות יעדן יאר אין יו"ט שבועות.

**קבלת התורה מיט אחדות**

די קריאת התורה פון שבועות איז בחודש השלישי וגו': און חודש השלישי איז חודש סיון וואס איר מזל איז תאומים א צווילינג וואס דאס איז צוויי, דאס קומט צו מרמז זיין אז עס איז נישט מעגלאך צו מקיים זיין די תורה נאר מיט אחדות מיט אלע אידן, ווייל עס איז דא מצוות וואס נישט יעדער קען דאס מקיים זיין, דאס איז דער ענין פון שלישי און מזל תאומים איז, אז א יחיד קען נישט מקיים זיין כל התורה נאר באחדות מיט נאך אידן. (ילקוט הגרשוני) אין בית אהרן שטייט אז דער ענין פון שלישי איז א סגול ֶ וואס איז דער ענין פון אחדות.

**קדושת החג א צייט צו בעטן פאר די גאולה**

הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם: (פסחים ס"ח:) עס איז באוואוסט אז מען טאר נישט בעטן פאר די גאולה, אבער אין עצרת וואס איז קבלת התורה, מעג מען בעטן פאר די גאולה, אזוי עס שטייט גמ' (עירובין נ"ד.) חירות משיעבוד מלכיות: ביי קבלת התורה איז מען געווארן פריי פון שיעבוד מלכיות, וואס דאס איז גאולה. דעריבער איז שבועות די צייט צו מתפלל זיין פאר די גאולה, און דאס שטייט הכל מודים בעצרת דבעינן – בעינן איז א לשון פון

אם תבעיון בעו (ישעיהו כ״א. י״ב) וואס דאס איז א לשון פון תפלה און בקשה– נמי לכם: בעטן פאר די גאולה, און מען קען צולייגן אז נמי לכם איז בגימטריא ק״ץ. (מאמר מרדכי מהה״צ ר מרדכי מנדבורנא)

### דביקות ביי לך ה׳ הגדולה

הרה״צ ר׳ צבי הירש מרודניק זצוק״ל איז געווען ביי זיין זיידן דער הייליגער דברי חיים, און האט דערציילט אז דער דברי חיים ביי שחרית שבועות, ווען ער איז אנגעקומען צו ויברך דוד האט ער געגעבן א שריי אויס: לך ה׳ הגדולה, און האט זיך זייער שטארק צופלאמט און זיך פאר׳דביקות 6 שעה, און דער גאנצער עולם איז געפאלן אויף זייער פנים און געוויינט און האבן כמעט געחלש׳ט פון אסאך וויינען. (אוצר ישראל)

### דער יסוד פון א גאנץ יאר

יום טוב ווערט אנגערופן רֶגֶל וואס מיט דעם רֶגֶל שטייט א מענטש, אלע ימים טובים זענען ג׳ רגלים, וואס זיי זענען דער יסוד פון א גאנץ יאר און לויט וויפיל א מענטש נעמט זיך אויף יו״ט עול מלכות שמים און שמחת יו״ט און ער דינט דעם אויבערשטן אזוי וועט זיין א גאנץ יאר, עס שטעלט אויף די פיס. אזוי ווי דער הייליגער בית אהרן שרייבט אז עס זאל בלייבן א רשימה פון דעם יום טוב. און בפרט שבועות וואס איז באקאנט די ווארט פון בית אהרן וואס האט אמאל געפרעגט פארוואס קומט מען צו פארן צום צדיק אויף ר״ה ווען ראש השנה איז ארויף א בילקע, אראפ א בילקא, אבער שבועות איז הויל הארץ? און ר׳ ברוכ׳ל ממעזיבוז זאגט אז שבועות איז דער יום הדין וויפיל תורה און רוחניות וועט א מענטש באקומען, דעריבער דארף מען ארייכנאפן דעם יום טוב מיט תורה און רוחניות דאס מיינט רגל. וואס דאס איז דער יסוד פון א מענטש. דער הייליגער שפת אמת שרייבט: אז חידושי תורה פון א גאנץ יאר איז תלוי אין שבועות, ווייל אזוי ווי די נביאים האבן מקבל געווען זייער נביאות ביים בארג סיני, אזוי איז יעדער מענטש מקבל אין דעם יו״ט וואס ער קען מחדש זיין אין תורה, דאס זאגט די גמ׳ אלמלא האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא, דוקא די טאג וואס דאס איז דער יום טוב וואס פון דעם איז מען מחדש חירושי תורה א גאנץ יאר, דער אבני נזר שרייבט אז די אלע השפעות אויף תורה און מצות פאר א גאנץ יאר קומט פון יו״ט שבועות. דער הייליגער מנחת אלעזר שרייבט אין ספר שער יששכר אז יו״ט שבועות איז א זמן פאר פרנסה בני חיי ומזוני. (המו״ל געבויט אויף די ספרים קדושים)

### וואס מיינט ביום ״הַזֶּה״

בַּחֹ֙דֶשׁ֙ הַשְּׁלִישִׁ֔י לְצֵ֥את בְּנֵֽי־יִשְׂרָאֵ֖ל מֵאֶ֣רֶץ מִצְרָ֑יִם בַּיּ֣וֹם הַזֶּ֔ה בָּ֖אוּ מִדְבַּ֥ר סִינָֽי׃ (שמות יט–א) זאגט רש״י מהו ״בַּיּוֹם הַזֶּה״? שיהיו דברי תורה חדשים עליך כאלו היום נתנו. צו פארשטיין וואס איז דער ענין פון תורה אז עס זאל זיין אזוי ווי עס איז יעצט געגעבן געווארן? נאר ווען א איד וויל זיך זעצן לערנען תורה, קומט שטענדיג דער יצר הרע און גיט אים אריין א געפיל אין זיין הארץ, אז ער וועט סיי ווי נישט קענען לערנען, ווייל ביז יעצט האסטו געלערנט און האסט גארנישט קונה געווען. און דאס ברענגט אים אריין א ״יאוש״, און דורך דעם קען דער מענטש אויפהערן אינגאנצען צו לערנען. דעריבער מוז מען זען ווען מען זעצט זיך לערנען, אז עס איז אזוי ווי די תורה איז היינט געגעבן געווארן ווי ניי, און יעצט הויבט ער אן צו לערנען צום ערשטן מאל, וועט דער יצר הרע נישט פארדרייען דעם קאפ אז ביז יעצט האסטו געלערנט און האסט גארנישט קונה געווען! (מהר״ש מבעלזא זיע״א)

### דרוש ליישב סתירה אין די מימרות פון ר׳ יהושע בן לוי

וּבָאוּ כֻלָּם בִּבְרִית יַחַד. נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע אָמְרוּ כְּאֶחָד. וּפָתְחוּ וְעָנוּ ה׳ אֶחָד. בָּרוּךְ הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ: (זמר יום שבתון) דארף מען פארשטיין וואס איז דא די ברכה פון הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ? נאר די גמ׳ (שבת דף פח:) ברענגט דריי מימרות פון רב יהושע בן לוי, 1] ואמר רבי יהושע בן לוי: מאי דכתיב (שיר השירים ה יג) לְחָיָו כַּעֲרוּגַת הַבֹּשֶׂם, כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב״ה נתמלא כל העולם כולו בְּשָׂמִים וכו׳, הוציא הקב״ה הרוח מאוצרותיו והיה מעביר ראשון ראשון שנאמר ׳שִׂפְתוֹתָיו שׁוֹשַׁנִּים נֹטְפוֹת מוֹר עֹבֵר: אל תקרי ׳שׁוֹשַׁנִּים׳ אלא ׳שֶׁשּׁוֹנִים׳. 2] ואמר רבי יהושע בן לוי: כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב״ה –יצתה נשמתן של ישראל, שנאמר (שיר השירים ה ו) נַפְשִׁי יָצְאָה בְדַבְּרוֹ וכו׳ הוריד טל שעתיד להחיות בו מתים, והחיה אותם, שנאמר: (תהלים סח י) גֶּשֶׁם נְדָבוֹת תָּנִיף אֱלֹהִים נַחֲלָתְךָ וְנִלְאָה אַתָּה כוֹנַנְתָּהּ. 3] ואמר רבי יהושע בן לוי: כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב״ה – חזרו ישראל לאחוריהן שנים עשר מיל והיו מלאכי השרת מדדין אותן וכו׳, שטייט אין מהרש״א חידושי אגדות ד״ה יצאה: לכאורה איז א סתירה ווייל פריערט זאגט ריב״ל דער אויבערשטער האט געשיקט בְּשָׂמִים מיט זיין דיבור נאכדעם זאגט ער אז דער אויבערשטער האט אראפגעברענגט טַל און נאכדעם זאגט ער אז מענטשן זענען אוועק געגאנגען און די מלאכים האבן זיי צוריק געברענגט! און ער ענטפערט אז עס זענען געווען דריי אנדערע כיתות ביי די אידן, איין כת זענען געווען שוואך און פון רוב פחד האט מען געדארפט בְּשָׂמִים זיי מְחַיֶּה זיין, איין כת זענען ממש געשטארבן פון פַּחַד און די טַל פון תְּחִיַּת הַמֵּתִים האט זיי מחיה געווען און די דריטע האבן פון פחד געוואלט אנטלויפן ע״כ המהרש״א. ממילא איז זייער גוט וואס מען האט געבענטשט ביי מתן תורה ברוך הַנּוֹתֵן לַיָּעֵף כֹּחַ, ווייל דער אויבערשטער האט מחיה געווען די שוואכע כח פון די אידן. (ויגד יעקב פאפא)

### מיט אמונה ווערט תרי״ג מצוות

וּבָאוּ כֻלָּם בִּבְרִית יַחַד. נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע אָמְרוּ כְּאֶחָד. וּפָתְחוּ וְעָנוּ ה׳ אֶחָד: (זמר יום שבתון) דאס צו פארשטיין לויט וואס די גמ׳ (מכות דף כד ע״א) זאגט בא חבקוק והעמידו על אחת שנא׳ (חבקוק ב ד) וצדיק באמונתו יחיה. יעצט די תורה ווערט אנגערופן ברי״ת גימט׳ תרי״ב, און מיטן כולל פון אמונה איז תרי״ג, און אין מדרש (שיר השירים רמז תתקפ״ו) שטייט נעשה איז כנגד מצוות עשה, און נשמע איז כנגד מצוות לא תעשה, דאס מיינט וּבָאוּ כֻלָּם ביי בארג סיני, בִּבְרִית יַחַד צו מקבל זיין די תורה וואס הייסט ברי״ת, וואס נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע די קבלת מ״ע און ל״ת וואס איז אָמְרוּ כְּאֶחָד אין די תורה, דעריבער פָּתְחוּ וְעָנוּ ה׳ אֶחָד וואס דאס איז

אמונה און כולל אויף אלע מצוות און איז געווארן תרי"ג. (ויגד יעקב פאפא)

**זריזות איז די שליסל צו עבודת ה'**

וּמֹשֶׁה עָלָה אֶל־הָאֱלֹקִים: (שמות יט ג) זאגט רש"י "וכל עליותיו בהשכמה היו" שנאמר (שמות לד ד) וַיַּשְׁכֵּם מֹשֶׁה בַבֹּקֶר, ווען משה איז ארויף אין הימל איז דאס געווען גאר פרי אין טאג: קען מען מרמז זיין דאס וואס רש"י זאגט וכל עליותיו בהשכמה היו, וּמֹשֶׁה עָלָה, אז משה רבינו איז געשטיגן כסדר אין זיינע מדריגות, אֶל הָאֱלֹקִים, אין עבודת ה', זאגט רש"י וכל עליותיו, זיינע עליות איז געווען ווייל בהשכמה היו, ער האט אלעס געטאן מיט זריזות, אזוי ווי רבי פנחס בן יאיר זאגט סוף מס' סוטה (פ"ט מט"ו) אז זריזות איז די ערשטע מדריגה וואס פון דעם קומט מען צו אלע מדריגות. ועיין בראשית חכמה (שער האהבה פי"א) און אורחות צדיקים (שער ט"ו שער הגאוה) (ויגד יעקב פאפא)

און דאס שטייט אין גמ' (פסחים דף ד.) אלא שזריזין מקדימים למצות שנאמר (בראשית כב, ג) וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר וַיַּחֲבֹשׁ אֶת־חֲמֹרוֹ, לויט די ויגד יעקב קען מען זאגן דא אויך: שזריזין מקדימים למצות, דאס וואס רבי פנחס בן יאיר זאגט אז די ערשטע מדריגה דארף זיין זריזות, דאס מיינט מקדימין, די מדה פון זריזות דארף מען מקדים זיין און דאס איז די ערשטע מדריגה, למצוות, ווען מען וויל טאן מצוות. (שמח זבולון תשע"ז)

**א טפח העכער פון די וועלט**

הרה"ח ר' ישעיה שו"ב פון צפת א קארלינער חסיד, איז געווען ביים הייליגן בית אהרן אויף שבועות און האט דערציילט מיט התרגשות, אז דער רבינ'ס אקדמות איז געווען לעילא ולעילא, און ווען דער רבי האט געליינט בחודש השלישי איז נאך געווען וואס צו הערן, אבער ווען עס איז געקומען צום עשרת הדברות "קען איך שווערן אז ער איז געווען א טפח העכער פון די וועלט". (פרי ישע אהרן קפ"ד)

**געזען מעמד הר סיני ביי אקדמות מילין**

ביי הרה"ק ר' אייזיק'ל זידיטשובע'ר זצוק"ל בשעת ער האט געזאגט די אקדמות, האט זיין פנים געברענט ווי א פייער, איינמאל איז איינער פון די חבריא קדישא וואס האט געהייסן ר' קאפיל וואס איז נאך געווען ביים הייליגן חוזה מלובלין האט געגעבן א קוק מיט זיינע אויגן אויפן רבי'ן, און זיינע אויגן זענען בלינד געווארן און ער האט נישט געקענט מער קוקן אויפ'ן רבי'ן, נאך דעם וואס דער רבי האט געענדיגט די אקדמות איז צוריק געקומען זיין ראיה, איז ער צוגעגאנגען צום רבי'ן און ער האט איהם אלעס דערציילט, האט איהם דער רבי געזאגט וויבאלד דו ביזט מקושר בנפשי, האסטו געהאט די זכיה צו זען די מדריגה פון מעמד הר סיני. וואס איז געווען חושך ענן וערפל און ווייל דו האסט דאס געזען איז דיינע אויגן בלינד געווארן פון דעם חושך. (פאר יצחק זידיטשוב)

**כפה עליהם הר כגיגית**

פארוואס האט דער אויבערשטער געדארפט צווינגען די אידן מקבל זיין די תורה? נאר דער משל איז: א טאטע וואס דער דאקטער האט געהייסן געבן א מעדיצין פאר זיין זון און דער זון וויל עס נישט נעמען, אבער דער טאטע ווייסט דאך אז עס איז גוט פארן זון און ער וועט ווערן אויסגעהיילט, וואס טוט ער? ער צווינגט זיין זון צו עפענען די מויל און לייגט אריין די מעדיצין. שפעטער זעט דער זון אז ער ווערט געזונט, דאנקט ער זיין טאטן. דאס זעלבע איז די תורה וואס איז סַם הַחַיִּים, די בעסטע מעדיצין פאר א איד און נאר א איד האט א חלק אין דעם אויבערשטנ'ס תורה, און דער אויבערשטער ווייסט דאך אז עס איז א גוטע זאך פאר אונז, דעריבער האט ער אונז געצוואונגען אז מיר זאלן דאס נעמען, און נאך דעם וואס מיר האבן מקבל געווען די הייליגע תורה און מיר זעהען די זיסקייט פון דעם, דאנקען מיר דעם אויבערשטן פאר דעם. ממילא ביי שבועות דריקן מיר אויס א דאנק פאר די תורה מיט אהבת עולם. א אייביגע ליבשאפט האט אונז געגעבן דער אויבערשטער.

**פארוואס כפה עליהם הר כגיגית**

וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר: (שמות יט–יז) דרשענט די גמ' מלמד שכפה עליהם הר כגיגית (שבת פ"ח.) פארוואס האט מען געדארפט איבערדעקן די אידן מיט א בארג? נאר מיר ווייסן אז אויב א מענטש געפינט זיך א לענגערע צייט אין די פינסטערניש, טאר ער נישט פלוצלינג ארויס גיין צו די ליכטיגקייט, ווייל ער קען אינגאנצען פארלירען זיין זען. אזוי אויך ביי די אידן, וואס זענען געווען אזוי לאנג אין די פינסטערע טומאה פון מצרים, וואלט זיי געשאדט אויב דער אויבערשטער וואלט זיי אויף איינמאל פאר זיי באוויזען די ליכטיגקייט פון די תורה. דעריבער האט זיי דער אויבערשטער באדעקט מיטן בארג, כדי צו פארשטעלן פון זיי די געוואלדיגע ליכטיגקייט און צוביסלאך זיך צו געוואוינען צו די גרויסע ליכט פון תורה. (ספר גדולת מרדכי)

**וקרבתנו מלכינו**

געווענטלאך זאגט מען אהבת עולם מיט א חיות און א ווארעמע געשמאק, יעדער לויט זיין השגה אין תורה, און בפרט אין שבועות זאגט מען דאס מיט א גרעסערע חיות: מען וואלט געקענט זאגן אז דער תכלית וואס מען בעט אין אהבת עולם איז דער סוף: וקרבתנו מלכינו לשמך הגדול, ווייל תורה איז דער מיטל וואס ברענגט דעם מענטש נאנט צום אויבערשטן. דעריבער נאכדעם וואס מען האט אויסגעבעטן ותן בלבנו בינה, און והאר עינינו בתורתיך, איז מען שוין גרייט צו קירבת השי"ת וקרבתנו מלכינו לשמך הגדול. (המו"ל)

**תיקון ליל שבועות**

א חסיד איז געווען ביים הייליגן ריזינער אויף שבועות. דער רבי האט געפירט טיש ביז פארטאג'ס. דער חסיד האט געהאט חלישת הדעת ווייל ער האט נישט געזאגט תיקון ליל שבועות, דער רבי האט מרגיש געווען וואס דער חסיד האט געטראכט און רופט זיך אן ביים טיש ת'ערוך ל'פני ש'לחן: די ר"ת איז נוטריקון תיקון ליל שבועות. דער חסיד האט פארשטאנען דעם רמז און געזען דאס גרויסקייט פון זיין רבי'ן.

**מעשה אבות סימן לבנים.**

כפה עליהם הר כגגית פרעגן דאך אלע מפרשים עס איז דאך געווען נעשה ונשמע איז פארוואס האט געדארפט זיין כפה? נאר אזוי ווי ביי די אבות הקדושים זענען זייער נסיונות נישט געווען

פאר זיי, ווייל זיי זענען שוין געווען אזוי הויך און העכער פון אלעס, נאר עס איז געווען א עבודה פאר די שפעטערדיגע דורות אז מען זאל קענען דורכמאכן די נסיונות און אויך א לימוד לדורות ווי מען דארף זיך פיהרן, דאס זעלבע איז ביי תורה אפילו א מענטש האט א מאל חשק צו תורה, און התמדה צו לערנען, אבער עס ווערט נאכדעם א ביסל אפגעקילט, דעריבער איז געווען כפה עליהם הר כגיגית, אז אויף די שפעטערדיגע דורות, וועלן דער דער חשק און התמדת התורה וועט ווערן אביסל שוואכער, דעריבער דארף זיין כפה עליהם: מען דארף זיך צווינגען צו לערנען כשור לעול וחמור למשא, אזוי ווי דער הייליגער בית אהרן ברענגט: פריערט דארף דארף מען זיך פלאגן אן קיין געשמאק און מען וועט דערנאך באקומען א געשמאק. (שמח זבולון)

**עד ממחרת השבת השביעית תספרו חמישים יום:**
אויב א מענטש האט נאך נישט תשובה געטאן און זיך אויפגעוועקט פון זיינע מעשים ביז יעצט זאל מען נאך נישט זאגן אז עס איז נישטא קיין האפענונג נאר עד ממחרת השבת השביעית תספרו. אז כל זמן עס איז נאך דא נאך איין טאג פון ספירה, איז תספרו. א לשון פון באלייכטן, אז דעם טאג קען באלייכטן אלע 50 טעג דורך תשובה. (עבודת ישראל קאזניץ)

**ויגד משה את דבר העם אל ה':** (שמות י"ט ט') זאגט רש"י רצונינו לראות את מלכינו דארף מען פארשטיין וואו איז דאס מרומז אין פסוק? נאר מען קען זאגן א רמז אז ויגד משה: משה האט דערציילט די רייד פון פאלק אז אל ה': זיי ווילן זיין נאנט צום אויבערשטן. (קדושת לוי לשבועות ד"ה ויגד משה)

**זמן מתן תורתינו.**
דארף מען פארשטיין פארוואס הייסט נישט דער יו"ט זמן קבלת התורה? נאר דער מתן תורה איז געווען נאר אין יו"ט שבועות, אבער קבלת התורה איז דא יעדן טאג. בכל יום יהיה בעיניך כחדשים א נייער התחדשות און א נייע קבלת התורה. אין הייליגן ספר בית אהרן שרייבט וז"ל כי באמת קבלת התורה הוא בכל זמן רק במעמד הר סיני היו קולות ולפידים וכו' אמנם אנו מאמינים כי בכל שנה ושנה ביום קבלת התורה נתעוררו כל הבחינות שהיו אז בקבלת התורה וכו' לזה כתיב ביום הזה באו מדבר סיני עכ"ל. דאס מיינט היינטיגע צייט אין דעם טאג איז דא קבלת התורה. דעריבער הייסט עס נישט זמן קבלת התורה. (שמח זבולון)

## דער מנהג צו עסן קרעפלאך אין שבועות

איז לכאורה שווער ווייל עס איז באוואוסט אז מען עסט קרעפלאך נאר ווען מען קלאפט אדער מען שלאגט, פורים קלאפט מען המן: ערב יום כיפור שלאגט מען כפרות: הושענה רבה קלאפט מען הושענות: אבער וואס האט דאס א שייכות צו שבועות? ענטפערט דער הייליגער צדיק הרה"ק ר' יחיאל מאיר פון גאסטאנין, ווייל די גמרא זאגט בראתי יצר הרע בראתי תורה תבלין, קומט אויס אז דורך די תורה שלאגט מען דעם יצר הרע, דעריבער עסט מען אויך קרעפלעך. (שיח שרפי קודש)

2] ווייל קרעפלאך האבן דריי עקן און אין דריי עקן זענען אלע גליך צו מרמז זיין וואס שטייט ויחן שם ישראל כאיש אחד בלב אחד וואס איז מרומז אויף אחדות.

3] נאך א טעם ווייל קרעפלאך האבן דריי עקן און אלעס ביי מתן תורה איז מיט דריי: אוריין תליתאי, לעם תליתאי, על ידי תליתאי, ביום תליתאי, בירחא תליתאי. עיין גמ' שבת פ"ח

4] נאך א טעם, ווייל אין הייליגן ספר בית אהרן לשבועות ברענגט עפ"י סוד והייתם לי סגולה. איז א לשון סגו"ל – דריי נקודות עי"ש. איז לויט דעם עסט מען קרעפלאך וואס איז ווי א סגול דריי עקן, צו געדענקען וואס דער אויבערשטער האט געזאגט "והייתם לי סגולה" (שמח זבולון)

חג שבועות איז בגימ' "כי הם חיינו ואורך ימינו ובהם נהגה יומם ולילה."
חג השבועות איז בגימ' "והיית אך שמח." מען דארף זיך פרייען מיט די תורה.
עליונים שישו ותחתונים עלזו בקבלת תורה ר"ת שבועות
(דודי הרה"ל ר' חיים בריס חתן אדמו"ר ממאטעטערסדארף זצ"ל)

## ווער איז דער מחבר פון 'אקדמות מלין'

דער מחבר איז געווען ר' מאיר (נהוראי) ב"ר יצחק ש"ץ, [שליח ציבור] ער האט מחבר געווען אסאך פיוטים חשובים, און איז געווען איינער פון די רבותיו פון רש"י, און רש"י דערמאנט אים אין [הושע ו -ט, עמוס ג -י"ב, תהלים ע"ג -י"ב] אויך איז ער דערמאנט אין תוספות [ראש השנה י"א ע"ב] ד"ה "אלא דקאי". און מען רופט אים מיט דעם תואר: הגון, צדיק, חסיד, וציר נאמן.

ווען זאגט מען 'אקדמות מלין' ?

דער מהרי"ל וואס איז דער מקור צו מנהגי אשכנז: שרייבט וז"ל "בשבועות אומרים הדיברא אקדמות מלין אחר סיום פסוק ראשון דקריאת התורה שהוא בחדש השלישי", און אזוי ברענגט דער ספר המנהגים לר' יצחק אייזיק טירנא, און אין מנהגי פון הרב זלמן יענט, געווען בני דורו פון דער מהרי"ל, אין לבוש (או"ח תצ"ד), אין שו"ת קרית חנה לרב גרשון קובלנץ (מיץ תקמ"ה) תשובה ז', אין שו"ת פנים מאירות צו הרה"ג ר' מאיר אייזנשטאט (סי' ל"א), אין שו"ת שבות יעקב צו הרה"ג ר' יעקב ריישר (חלק א סי' י"ב). און אזוי האט מען געפירט פון ענדע ד' אלפים אין די צייטן פון די ראשונים.

אבער איז געקומען דער הייליגער ט"ז וואס איז געווען 240 יאר נאך דער מהרי"ל און שרייבט (או"ח תצ"ד) וז"ל "יש לתמוה הרבה היאך רשאים להפסיק בקריאה; שהרי אפילו לספר בדברי תורה אסור כמו שכתוב בסי' קמ"ו, וכל ההיתרים הנזכרים שם אינם כאן, כל שכן בשבח הזה שהוא אינו מעניין הקריאה כלל, למה לנו להפסיק. ושמעתי מקרוב שהנהיגו רבנים מובהקים לשורר אקדמות קודם שיתחיל הכהן הברכה של קריאת התורה, וכן ראוי לנהוג בכל הקהילות." און אזוי פסקנט דער משנה ברורה (שם), און אזוי פירט זיך רוב קהילות היינט, הגם עס איז דא עטליכע קהילות וואס האלטן אן דער מנהג המקורי.

מעשה פון בעל אקדמות: די מעשה וואס מען דערציילט איז אלע חדרים מיט דער בעל אקדמות מיטן גלח ווערט געברענגט אין ספר

אליה רבא להרה"ג ר' אליהו שפירא (או"ח סי' תצ"ד ס"ק ה) [ער האט געלעבט אין די צייטן פון די אחרונים בערך ת"ק און זיין ספר איז געדרוקט אין זולצבאך תקי"ז] וואס שרייבט ער האט געזען אין א אלטע ספר די מעשה בלשון אשכנז - אידיש- א ויכוח צווישן א רב מיט א גלח אין וורמייזא. און ר' מאיר ש"ץ איז געשיקט געווארן צו די עשרת השבטים אין אנדערע זייט סאמבאטיון צו זוכן א עצה עיי"ש.

# מדור העובדות לשבועות

## מעשה פלא און ענין פון כפה עליהם הר כגגית

פרעגן דאך אלע מפרשים עס איז דאך געווען נעשה ונשמע איז פארוואס האט געדארפט זיין כפה? נאר אזוי ווי די אבות הקדושים אין זייערע נסיונות נישט געווען ווען זיך ווייל זיי זענען שוין געווען אזוי הויך און העכער פון אלעם, נאר עס איז געווען א עבודה פאר די שפעטערדיגע דורות, אז אידן זאלן קענען דורך מאכן די נסיונות, און אויך א לימוד לדורות ווי מען דארף זיך פיהרן, דאס זעלבע איז ביי תורה: כפה עליהם, איז געווען ווען די שפעטערדיגע דורות, ווייל מען דארף זיך צווינגען צו לערנען, "כשור לעול וחמור למשא" און דער הייליגער בית אהרן ברענגט אז אין אנהייב דארף מען טאן אפילו אן א געשמאק און דערנאך באקומט מען דעם געשמאק. (שמח זבולון המו"ל)

עס איז געווען א מעשה ביי א חסיד פון הייליגן אבני נזר: איינער פון זיינע חסידים וואס איז געווארן א סוחר און וועגן זיין מסחר האט ער געדארפט פארן נאך פסח פון פוילן צו רוסלאנד. און דארטן איז נישט געווען אידן. ער האט געוואלט צוריק קומען אויף שבועות צו זיין מיט זיין רבין דער אבני נזר זצ"ל. אבער ער וואלט נישט געקענט צוריק קומען אין צייט, האט ער זיך משתדל געווען צו קומען צו א שטאט צו האלטן יו"ט. ערב יו"ט איז ער אנגעקומען אין א קליינע שטאט וואס דארטן איז געווען א קליין ישוב פון די קאנטאניסטן [דער צאר ניקאלי האט געוואלט אז די אידישע קינדער זאלן אויך ארבעטן אין מיליטער, און וועגן דעם האט מען געכאפט די קליינע קינדער ווען זיי זענען נאך געווען זייער יונג כדי זיי אוועק צורייסן פון אידישקייט און מען האט זיי געהייסן עסן טריפות און נבילות כדי צו פארגעסן אז זיי זענען אידן. ווען זיי זענען שוין געקומען אין מיליטער האבן אסאך פון די קינדער נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון איז נאר איבער געבליבן אביסל פון זיי וואס האבן זיך אביסל געהאלטן ביי אידישקייט, ווען זיי זענען געווארן באפרייט פון מיליטער און זיי האבן נישט געטראפן קיין פלאץ האבן זיי געגרינדעט א יישוב און א שול פאר זיי אליין. און דער וואס האט נאך געדענקט די מערסטע פון זיי, ער איז ער געווארן זייער מורה דרך און רב און פארשטייט זיך אז זיי האבן געהאט מאדנע מנהגים ווייל זיי האבן אלעם פארגעסן].

דער סוחר וואס ער איז געווען א ירא שמים און א תלמיד חכם האט געהאט עגמת נפש צו זיין אין אזא חבורה יו"ט שבועות. אבער בלית ברירה האט ער געמוזט דארטן בלייבן כדי צו קענען דארטן הערן קריאת התורה און עשרת הדברות. נאך יו"ט ווען ער איז צוריק אהיים איז ער געגאנגען צו זיין רבין דער אבני נזר זצ"ל און ער האט אים דערציילט אלעם וואס האט פאסירט און וואס איז אריבער אויף די אידן די קאנטאניסטן, און אז ער האט געהאט צער וואס ער האט נישט געקענט זיך משתתף זיין ביים רבי'ן. ווען דער רבי האט דאס געהערט האט ער אים געזאגט אז דו ביזט דארטן געווען מוז עס זיין א סיבה מן השמים, און ער האט אים אויס געפרעגט צו ער האט געהערט אדער געזען דארטן א חידוש? ווען דער סוחר האט אנגעהויבן רעדן וועגן זייערע מנהגים האט ער זיך דערמאנט אז דער רב האט זיך אויפגעשטעלט פאר קריאת התורה און ער האט גע‌דרש'נט א דרשה ברבים פון דעם ענין פון קבלת התורה, אויף די חז"ל (שבת פ"ח.) כפה עליהם הר כגיגית וכו' שם תהא קבורתכם, האט דער רב געפרעגט וואס איז פשט <u>שם</u> תהא קבורתכם, די אידן זענען דאך דארטן געשטאנען אונטער די בארג! אויב אזוי וואלט געדארפט שטייט <u>פה</u> תהא קבורתכם?

נאר מען קען זאגן א ביאור אז בשעת מתן תורה ווען אלע אידן זענען דארטן געשטאנען מיט משה און אהרן און די זקנים, אוודאי האבן זיי מקבל געווען די תורה, און פאר זיי האט נישט געדארפט זיין כפה עליהם הר כגיגית! אבער דער אויבערשטער האט געוואוסט אז זיי וועלן גיין אין גלות און די רשעים וועלן ווילן ארויס רייסן אונזערע אמונה, און דארטן אויב מען וועט זיך נישט בייגן צו דעם אויבערשטן, וועט מען נישט קענען בלייבן א ערליכער איד און מען וועט זיך אפלערנען פון די גוים, און דאס האט דער אויבערשטער געזאגט: אם תקבלו את התורה מוטב. ואם לאו, שם, דאס הייסט אין די מרחקים טיף אין גלות אין רוסלאנד תהא קבורתכם.

איז יעצט ווען מיר זענען אין גלות, דארף מען האבן א עקסטרע שמירה זיך צו האלטן אין אידישקייט און צו האלטן די תורה און שבת, און יעדער איינער זאל מחזק זיין, זיין חבר, און אזוי וועט מען קענען צוזאמען מיט אונזערע קינדער זיין ריכטיגע אידן. און דער סוחר האט דערציילט אז יעדער איינער האט אנגעהויבן צו וויינען און מען האט זיך פארגענומען אז מען וועט אפהיטען די תורה. ווען דער גאון בעל אבני נזר האט געהערט דעם דרשה פון דעם רב פון די קאנטאניסטן, האט ער געזאגט פארן סוחר זיין חסיד: הערטס אויס!! מה' מצעדי גבר (תהלים ל"ז, כ"ג) עס איז געווען כדאי דיינע אלע פלאגענישן פון די גאנצע וועג וואס דאס איז פון מסבב כל הסיבות האט דיר געפירט, וועגן ארויס צונעמען דעם פירוש און האסט געהאט א זכיה ארויס ראטעווען א זעלכע הייליגע דיבורים און ווערן מפורסם, און דער אבני נזר האט כסדר איבערגעחזר'ט די דרשה.

## א רפואה דורך עסען די ברויט

הרה"ח ר' אליעזר סופר ז"ל א פייערדיגע חסיד פון סטאלין איז לא עלינו געווארן קראנק און געלעגן א האלב יאר אין בעט און איז געווען זייער שוואך און אויסגעדארט אז ער האט נישט געקענט רוקן אפי' זיינע הענט און פיס, דעמאלטס האט דער רבי געפירט זיין הייליגן הויף אין קארלין היינט א שעה פון סטאלין. און פאר יו"ט שבועות איז דער עולם שוין געפארן א פאר טעג פריער כדי צו הערן דעם לעצטן ספירה ציילן פון הייליגן בית אהרן, און די חסידים זענען געקומען זיך געזעגענען פון ר' אליעזר און מען האט געטרונקן לחיים צוזאמען און מען האט אים געבענטש און מען האט אים צוגעזאגט אים מזכיר זיין ביים רבי'ן ווען די חסידים זענען ארויסגעגאנגען פון זיין הויז האט אים אנגעהאפט א ברען צו פארן צום הייליגן בית אהרן זאגן א גוט יום טוב, און ער געזאגט פאר זיין ווייב אז ער וויל אויך פארן, און אויב זי וויל ער זאל לעבן זאל זי מסכים זיין און נישט מעכב זיין, האט זי אנגעהויבן צו וויינען ווי אזוי קענסטו דאס טוהן, דו ביסט קראנק! און עס איז פאר דיר א סכנה צו פאהרן, אבער ער האלט זיך ביי זיינ'ס און האט איר געזאגט אז ער מוז גיין. איז זי געגאנגען זיך באקלאגן פאר החסיד ר' משה'קלה מסטאלין, וואס זיין מאמע איז

געווען א שוועסטער צום רבי'ן. א זקן ונכבד, האט ער געזאגט אז ער זאל גיין, ווייל אויב נישט, וועט דאס זיין ממש סכנות נפשות, איז זי געגאנגען צו איר טאטן הרה"ח ר' מעביל וואס האט אויך געוואוינט אין סטאלין, האט איר טאטע מייעץ געווען אז מען זאל דינגען א וואגן און מען זאל לייגן קישענעס און דאכענס און אויף דעם זאל מען לייגן ר' אליעזר. און ווען מען וועט אנקומען אין קארלין וועט מען אים אריין לייגן ביי זיין טאטן ר' דוד זאב אין שטוב וואס האט דארט געוואוינט. און אזוי וועט ער זיך קענען אפרוען,

ר' אליעזר איז א חכם און האט זיך מיישב געווען צו מיט נעמען ברוינפן און כסדר געגעבן צום בעל עגלה צו טרינקען אז ער זאל צוזאגן אים אריין צו פירן אין חצר הקודש אין קארלין, און נישט צום שטוב פון זיין טאט'ן, וואס ער וועט זיכער גוזר זיין אויף אים אז ער זאל בלייבן דארט'ן אין בעט און וועט נישט קענען נעמען שלום פון רבי'ן. דער בעל עגלה האט אזוי געטאהן און די חסידים האבן געהאלפן ארויס נעמען ר' אליעזר פון וואגן אריין אין הויף פון שוהל, און איז דארט געלעגן ביז דער רבי וועט ארויס גיין, ווען דער רבי איז ארויסגעגאנגען אפצונעמען שלום פון דער עולם האט מען אים דערציילט אז ר' אליעזר סופר פון סטאלין איז דא אבער איז זייער קראנק און שוואך און דער רבי האט זיי גארנישט געענטפערט, און האט געגעבן שלום פאר ר' אלעזר און האט אים גוט אנגעקוקט און געזען זיין מצב אבער ער האט אים גארנישט געזאגט. ווען עס איז געקומען ביי נאכט און דער רבי איז געגאנגען דאווענען מנחה מעריב, און נאך דעם ספירה ציילען פון לעצטן נאכט, איז ווען ר' אליעזר הערט דעם קול פון ספירה ציילן פון רבי'ן , האט דאס אריין געברענגט אין זיינע ביינער א פרישע חיות א פרישקייט און א געשמאק, און ער האט געזאגט "פאר דאס אליין האט זיך שוין געלוינט די גאנצע טרחה צו קומען".

ערב יום טוב: און דער רבי איז געגאנגען דאווענען מנחה מעריב, און ער הערט דעם קול פון רבי'ןס דאווענען און האט זיך מוראדיג געפרייט, די זעלבע זאך האט זיך אפגעשפילט בייטאג יום טוב און דעם רבי'ןס דאווענען און די אקדמות און דעם קריאת התורה, וואס דאס האט געשאפט א הנאה פאר ר' אליעזר, און גיט א שבח והודאה אז ער האט דאס אלעס זוכה געווען, נאכ'ן דאווענען האט דער רבי געמאכט קידוש, און דער רבי איז זיך געגאנגען א ביסל אפרוען, און מען האט דערווייל געטיילט פאר די חסידים קליינע חלות און שווארצע ברויט מיט זאלץ, אין צווישן איז דער רבי ארויס פון זיין צימער און זיך אוועקגעשטעלט ביים טיר און געלייגט די הענט אויף די ביידע שוועל און גיט א קוק אויפן עולם און געזעהן וואס מען האט אנגעגרייט די שווארצע ברויט מיט די זאלץ. האט ער זיך אנגערופן: קינדערלאך עסט פון אונזערע ברויט און זאלץ, ווער עס דארף א רפואה וועט האבן א רפואה ווער עס דארף א ישועה וועט האבן א ישועה, און האט דערמאנט נאך בקשות און האט אלעמען געבענטש אז אלע זאלן געהאלפן ווערן: און דער רבי איז צוריק געגאנגען צו זיין שטוב. ווען ר' אליעזר האט דאס געהערט האט ער זיך געשטארקט און איז געקראכען מיט די הענט און פיס צום טיש און האט גענומען א שטיקל ברויט און זאלץ, און האט געזאגט אז אפילו די שווארצע ברויט איז זייער שווער פאר זיין קרענק אבער ער האט געגלויבט באמונה שלימה אין דעם צדיק'ס ווערטער אז ער וועט געהאלפן ווערן דורך די ברויט און האבן א גאנצע רפואה. און צו גרוים וואונדער נאכ'ן עסן א ביסל ברויט איינגעטונקען אין זאלץ פילט ר' אליעזר ווי זיינע כוחות קומען צוריק, און בעזרת ה' איז זיין קרענק געווארן אויסגעהיילט אז דער צווייטן טאג יו"ט איז שוין ר' אליעזר געזעצן ביים סעודה און געגעסן בשר ודגים וכל מטעמים, נאך יו"ט האט מען זיך געזעגנט פון רבין און די חסידים האבן דאך נישט געהאט קיין געלט אויף צו דינגען א וואגן און זענען געגאנגען צו פוס פון קארלין ביז סטאלין און אונזער ר' אליעזר איז געגאנגען מיט זיי אויך. געזונט און פריש. דער כח פון אמונת צדיקים!!!! דער ר' אליעזר סופר איז געווארן אינגאנצן געזונט און נאך דעם הסתלקות פון אלט'ן רבי'ן איז ער געפארן קיין ארץ ישראל און איז נסתלק געווארן י"א כסלו תרנ"ז מנו"כ בהר הזיתים, ער האט זוכה געווען צו צוויי זין הרה"ח ר' משה סופר און הרה"ח ר' אפרים סופר וואס זענען געווען פון די אריות שבחבורה בירושלים. (ע"י י. ז. קליטניק עפ"י ס' פרי ישע אהרן דף שט"ז פון הרה"ח ר' משה אהרן הלוי הורוויץ ז"ל.)

## מיינט אז עס איז יום כיפור

איינמאל שבועות איז דער הייליגער אפטא רב אריין צום דאווענען, און האט ארויפגעלייגט זיין האנט אויף די מזוזה און האט געזאגט: רבש"ע זייט מיין לעבינ'ס טאג האב איך נאך קיין אמת'דיג ווארט נישט געזאגט פאר דיר, און ער האט זיך צו וויינט און ער האט זיך געשטעלט ביים עמוד און געזאגט די ברכות, נאכן ענדיגן האט דער רבי געפרעגט צו ער האט געזאגט די ברכה שעשה לי כל צרכי? און מען האט נישט געענטפערט, רופט זיך אן א אינגל אז ער האט געהערט פון רבין די ברכה און האט געענטפערט אמן, דער אפטא רב האט זיך געפרייט און געזאגט ער וויל אז דער אינגל זאל עסן מיט אים די מיליכדיגע סעודה! ביי די סעודה האט דער אפטא רב געזאגט פארוואס האב איך געפרעגט צו איך האט געזאגט די ברכה שעשה לי? ווייל שבועות איז מען מוחל די עבירות אזוי ווי ביי חתן וכלה, און איך בין אריין אין די כוונות פון יום כיפור, וואס מען זאגט נישט די ברכה. און דאס איז געווען מיין ספק. (אמרי שאול - מאדזיץ)

## שבועות זענען אידן במדריגת מלאכים

מרן הרב שך זצ"ל האט דערציילט אז ווען ער האט געוואוינט אין ווילנא פלעגט ער כסדר גיין אין א ספרים געשעפט וואס האט באלאנגט צו א גערער חסיד. איינמאל נאך שבועות ווען דער חסיד איז צוריק געקומען פון א נסיעה צום אמרי אמת האט דער חסיד אים איבער דערציילט די תורה פון הייליגן אמרי אמת. און הרב שך האט זייער הנאה געהאט. די גמ' (פסחים ס"ח:) שרייבט אז אין יו"ט דארף זיין חצי לה' וחצי לכם. יעצט מיר טרעפן אז ביי "ויקח משה חצי הדם וישם באגנות" שטייט אין רש"י אז עס איז געקומען א מלאך און צוטיילט די דם אויף האלבע. שטעלט זיך די שאלה פארוואס האט מען גענדארפט א מלאך דאס צוטיילן? איז דער תירוץ ווייל נאר א מלאך קען מאכן פונקט האלב! האט דער אמרי אמת אויסגעפירט אז ביי יו"ט דארף מען דאך חצי לה' וחצי לכם, איז שווער ווי אזוי קען מען דאס מאכן פונקט האלב? מוז מען זאגן אז אידן ווערן די בחינה פון מלאכים אין יו"ט און קענען דאס צוטיילן אויף פונקט חצי. (די מאמר איז געברענגט אין ליקוטים אמרי אמת דף על דף פסחים ס"ח)

## דער הייליגער הפלאה און הרה"ק ר' מרדכי שרגא פון הוסיאטין - וועגן גרויסקייט פון לערנען משניות און גמרא בעל פה.

דער הייליגער הפלאה ברענגט אז עס איז געווען א איד וואס האט שטענדיג געחזרט מס' חגיגה און דאס קלאהר געקענט. איינמאל האט זיין שטוב אנגעהויבן צו ברענען פון פייער און דער מענטש האט געמיינט אז ער גייט שוין פון דער וועלט, ווייל ער האט נישט געקענט ארויס גיין פון זיין הויז, און פלוצלינג קומט פאר אים א אלטער איד און ראטעוועט אים ארויס פון שטוב. פרעגט ער אים ווער ביזסטו? ענטפערט ער, אז ער איז א מלאך באשאפן געווארן פון זיין לערנען מס' חגיגה. און מען האט אים געשיקט

ראטעווען פון די פייער. מען דערציילט אז ביים הייליגן רבי ר' מרדכי שרגא פון הוסיאטין - בן הרה"ק הסבא קדישא מרוזין - איז געווען דער מנהג: אז נאר אידן חשובים האט מען אריין געלאזט ביי זיין טיש אין סוכה, ער האט געוואוינט דעמאלט'ס אין קאפיטשניץ, [לעבן זיין איידעם הרה"ק ר' יצחק מאיר העשיל אדמו"ר מקאפיטשניץ] און דארט האט געוואוינט א פשוטער איד ר' משה זעבין, וואס האט געקענט די ערשטע פיר סדרי משנה בעל פה, און ער האט געוואלט אריין גיין צום טיש ביים הייליגן הוסיאטינער, און פארשטייט זיך אז מען האט אים נישט געוואלט אריינלאזן, און ער האט געשיקט א שליח איבערגעבן צום רבי'ן, אז ער - משה זעבין- קען 4 סדרי משנה בעל פה! האט דער רבי געהייסן אז מען זאל שנעל אריין לאזן ר' משה, און ווען ער איז אריין צום טיש האט דער רבי אים צוגערופן און אים געשטארקט און געלויבט אז ער קען אזוי פיל משניות בעל פה, מען דערציילט אז ער האט צום סוף געקענט גאנץ ששה סדרי משנה בעל פה. אויך דער הייליגער דברי חיים פון צאנז זיע"א האט במשך פון 20 יאר געחזרט מס' בבא מציעא.

## דער שפאלע זיידע ברענגט אראפ משה רבינו צו זאגן די עשרת הדברות

נישט ווייט פון שטאט שפאלע וואו דער הייליגער צדיק ר' ארי' לייב דער שפאלע זיידע האט געוואוינט, איז געווען א שטעטל וואו די אידן האבן געלעבט במנוחה מיט די גויים ביז איין טאג האט א פריץ אפגעקויפט די גאנצע געגנט ארום און עס האט זיך אנגעפאנגען די צרות פאר די אידן, אין אנפאנג קליינע גזירות און נאכדעם אביסל שווערער גזירות. דער פריץ האט זיך נאך געגעבן זיינע אלע תאוות און געמאכט כסדר סעודות פאר זיינע חבירים און פריצים און די בראנפן האט זיך געגאסן און די שיכורים האבן זיך געמערט. איינמאל ביי א סעודה נאכן זיך שיכור'ן האט ער געזאגט זיינע חבירים אז ער וועט זיי פריילאך מאכן און ער האט געשיקט רופן עטליכע אידן וואס האבן געדונגען ביי אים א קרעטשמע און זיי געהייסן צאלן א סכום געלט פאר שכירות וואס איז געווען אומעגלאך צו באצאלן און דער פריץ האט זיי געשלאגן און אריינגעווארפן אין תפיסה, און זיינע חבירים האבן שטארק געלאכט, און דער פריץ איז געווען איבער גליקלאך!
אינדערפרי ווען דער פריץ איז געווארן וואך, האט מען אים דערציילט וואס ער האט געטאן מיט די אידן, איז ער געווארן גאר צופרידן און געשיקט פארן קהילה אז ער וויל א גרויסע סכום געלט צו אויסלייזן די אידן, און מען האט דעם פריץ איינגעבעטן ער זאל רחמנות האבן און ער האט דאס מאל זיי ארויס געלאזט מיט קליין געלט, אבער צרות האט ער געמאכט ביז איין טאג איז אים אריין אין געדאנק אז יעדע איד וואס וואוינט אין זיין שטעטל מוז אויפהענגען ביי זיי אין שטוב א בילד פון יאשקע ימ"ש ביז א חודש צייט, און דער וואס וועט נישט האבן ביי זיך אזא בילד אין שטוב וועט מען זיי פאטרייבן פון שטאט אן רחמנות, און אויך אז די געשעפטן מוזן זיין אפען אין שבת!
דאס איז געווען אפאר וואכן פאר שבועות, זענען די ראשי קהילה געפארן צום שפאלא זיידע און אים דערציילט פון די רשעות פון פריץ און זיינע צרות און יעצט איז שוין באו מים עד נפש! דער שפאלא זיידע גייט אריין אין א טיפע דביקות און שוועבט אין העכערע עולמות ביז ער קומט צו זיך און ענטפערט די ראשי הקהל איר דארפט זיך נישט זארגן איך וועל זיך מיט אים א עצה געבן און אפשר דארף מען אים בעטן הערן די עשרת הדברות"! עס ווערט שטיל אין צימער און דער שפאלע זיידע איז מסביר זיינע ווערטער: דעם שבועות וועל איך באפוילן אלע מיינע חסידים צו קומען דאווענען ביי אייך אין שטאט און איך וועל אויך קומען, און פאר יו"ט זאל מען גיין זאגן דעם פריץ אז א גרויסע קהל וועט קומען אין שטעטל אויף יו"ט און זיי ווילן מיט כבוד איינלאדענען דעם פריץ מיט זיינע ידידים צו קומען זען דעם דאווענען, און דער אויבערשטער וועט העלפן.
דער יו"ט דערנענטערט זיך און א חשובע משלחת איז געקומען צום פריץ און ער האט געענטפערט אז ער וועט קומען מיט זיינע ידידים, און דאס וועט זיי זיכער פריילאך מאכן! דערווייל ערב יו"ט איז געקומען א גרויסער עולם און די קליין שול וואלט נישט געקענט האלטן אזא עולם האט מען גענומען א ליידיגע פלאץ נישט ווייט פון שול און אויפגעשטעלט א געצעלט וואס איז געווען געננג גרויס פאר אלעמאן. יו"ט אינדערפרי זענען אנגעקומען דער פריץ מיט זיינע ידידים און מען האט זיי מכבד געווען מיט א פלאץ צו זיצן און דער עולם הויבט אן צו דאווענען און די גויים קוקן דאס אן מיט א געלעכטער און שפאס ביז דער שפאלע זיידע האט אנגעפאנגען זאגן שמע ישראל ביי ק"ש האט זייערע פנים'ער געווארן אביסל ערנסטער.
פאר קריאת התורה האט דער רבי געבעטן פון די גויים צו קומען נענטער צו די בימה. און געשטעלט א חסיד זאל איבער טייטשן פאר די גויים וואס מען גייט יעצט זאגן: און דער רבי האט געהייסן איינעם פון זיינע חסידים צו ליינען די עשרת הדברות מיט א הויכע און שטארקע קול, און טאקע דער חסיד הויבט אן אנכי און פלוצלינג הויבט זיך אן צו דונערן און בליצן און דער גאנצער עולם און די גויים הויבן אן צו ציטערן און זיך דערשראקן, און נאכדעם האט דאס אויפגעהערט, און דער בעל קורא ליינט ווייטער און א חסיד איז מסביר פאר די גויים יעדןווארט, דער פריץ הערט מען טאר נישט דינען ע"ז דערמאנט ער זיך פון זיין גזירה פון אויפהענגען דעם בילד, און פון היטן שבת, דער פנים פון פריץ איז געווארן ווייס פון פחד און געהייסן זיינע חבירים אהיים גיין. און ער איז צוגעגאנגען צום שפאלע זיידע אז ער וויל זיך טרעפן מיט אים.
דער שפאלע זיידע האט געזאגט פאר די מענטשן פון שטעטל "אז די גזירות וועלן שוין בטל ווערן און אזא עשרת הדברות וועט איר אין אייער לעבן נאכאמאל נישט הערן ווייל איך האב געפויעלט אז משה רבינו זאל אליין קומען און זאגן די עשרת הדיברות ווייל מען האט מיר מגלה געווען אז דער פריץ האט א ניצוץ פון יתרו און נאר משה קען אים מתקן זיין, און נאך אזא עשרת הדיברות וועט דער פריץ אויך זיך מגייר זיין אזוי ווי יתרו"!
מוצאי יו"ט איז דער שפאלע זיידע געגאנגען באזוכן דעם פריץ, וואס האט געזאגט אז ער איז מבטל די שלעכטע גזירות און דער פלאץ וואו מען האט אויפגיעשטעלט א געצעלט צו דאווענען, גיט ער אוועק פארן קהל און ער וועט זיי בויען דארטן א שול! דער פריץ האט נאכדעם פארקויפט זיין רכוש און איז אוועק געפארן אין א ווייטן ארט און האט זיך מגייר געווען זיע"א.

## הרה"ק ר' יהושע פון בעלזא זצוק"ל שיקט אהיים זיין חסיד פאר שבועות

עס איז באקאנט וואס צדיקים האבן געזאגט אויפן שבת נאך שבועות אז עס איז נאך שבועות: ברענגען מיר דא א מעשה פון אמונת צדיקים, אמאל איז א חסיד פון הרב הקדוש ר' יהושע מבעלזא זצוק"ל -דער מיטטעלע רבי- געקומען צו פארן אויף דעם הייליגן יו"ט שבועות קיין בעלזא. די נסיעה פון חסיד איז אים בכלל נישט גרינג אנגעקומען ווייל ער האט געוואוינט אין א רוסישע שטעטל און בעלז איז געווען אין פולין גאליצי', אבער עס האט זיך געמאכט א געלעגנהייט צו קענען פארן די לאנגע נסיעה, און וואס טוט מען נישט כדי צו זיין ביים יו"ט פון קבלת התורה

במחיצת קדשו פון זיין הייליגע רבי, און ער האט געמאכט די נסיעה. נאך א שווערע רייזע איז ער אנגעקומען קיין בעלזא און דער חסיד איז אין א דערהויבענע שטימונג, זיין גאנצע מוח איז אנגעפילט מיט די אקדמות פון רבי'ן און די טישן, אבער ווען ער איז אריינגעקומען שלום נעמען ,האט אים דער רבי געזאגט" ,פאר צוריק אהיים לחיים ולשלום ,"און דער רבי האט גענומען א גארטל פון ליידל און דאס געגעבן פארן חסיד ,און געזאגט: "נעם דעם גארטל במתנה און ווען דו וועסט זיין אויף שבועות ביינאכט און זאגן תיקון, זאלסטו נישט פארגעסן אנצוטוהן דעם גארטל." דער חסיד הערענדיג די ווערטער פון צדיק איז ער געווארן שטארק איבערעש'ט, און ער האט אנגעהויבן זיך איינבעטן ביים צדיק און זיך גענומען וויינען: איך בין דאך געקומען אזא שווערע נסיעה צום רבי'ן, כדי זיך אנווארעמען ביים רבי'ן אויף שבועות ,ווי אזוי קען איך זיך יעצט צוריק אהיים פארן אן גארנישט? דער רבי האט אבער פון גארנישט געוואלט הערן.

דער רבי האט דאן נאך שטרענגער א זאג געטאהן: "פרעג נישט יעצט קיין קשיות, אז איך האב דיר עפעס געהייסן טאהן, איז טו עס מיט אן פרעגן קשיות." ביים געזעגענען האט אים דער צדיק צוגעלייגט: "זיי געווארנט אנצוטאן דעם גארטל שבועות ביינאכט ווי איך האב דיר געזאגט, אבער דעם יאר זאלסטו נישט גיין אין שוהל זאגן תיקון ליל שבועות, נאר זאלסט בלייבן זיצן אינדערהיים זאגן דארטן תיקון!" בלית ברירה האט זיך דער חסיד געזעגענט פונעם צדיק און זיך געלאזט אין וועג אריין. ווען ער איז אנגעקומען אהיים, איז שוין געווען ערב שבועות שפעט נאכמיטאג נאנט צו מנחה. ווען זיין ווייב האט אים פלוצלונג געזען צוריק קומענדיג אהיים, איז זי זעהר ערשטוינט געווארן "וואס האט מיט דיר פאסירט"? האט זי אים פארוואונדערט געפרעגט, "פארוואס ביסטו פלוצלונג צוריקגעקומען, נאכדעם וואס דו האסט באשלאסן צו זיין אויף שבועות ביים רבי'ן און דערצו נאך אין אזא שפעטער שעה"? ער האט איר געענטפערט, נישט וויניגער פארוואונדערט": גלויב מיר אז איך ווייס פונקט ווי דיר, נאר אזוי ווי איך בין אריינגעקומען צום צדיק שלום נעמען האט ער מיר געזאגט, קורץ און שארף: "פאר צוריק אהיים" און דערביי האט ער מיר געגעבן דעם גארטל זאגנדיג "אז איך זאל דאס אנטאהן שבועות ביינאכט", די פרוי וואס איז געווען א חסידיסטע האט זיך גלייך בארואיגט און געזאגט, "אז דער רבי האט אזוי געהייסן איז געווים פארהאן דערין א גערויסע כוונה" און זיי זענען געגאנגען צום יו"ט מיט א דערהויבענע שטימונג. ער האט געטראכט מיט צוהאלטן מיטן רבי'ן פון דער ווייטענ'ס.

עס איז געווען שבועות ביינאכט, ווען דער חסיד איז געזעסן ביי זיך אינדערהיים זאגענדיג תיקון ליל שבועות און געדענקט וואס דער רבי האט אים געהייסן בלייבן אינדערהיים און זייענדיג ארומגעבינדן מיטן גארטל און ער זאגט הויך אויפ'ן קול דעם תיקון ליל שבועות אזוי ווי ער געפינט זיך צווישן די חסידים אין שטיבל, ווען פלוצלונג דערוועקט ער זיך פון זיין דביקות און הערט שווערער טריט אונטערן טיר, ער האט שוין פארשטאנען וואס דאס מיינט, אז א באנדע רויבער האבן זיך דא אנגערוקט, ער האט שוין כמעט משלים געווען מיט'ן פאקט אז זיי וועלן אים יעצט דא ערלעדיגן ח"ו, אזוי ווי זיי האבן געגעבן א ברעך אויף די טיר וועלנדיג איבערפאלן דעם חסיד מיט זיין הויז געזונט, אבער אזוי ווי זיי האבן געזעהן דעם חסיד זענען זיי געבליבן שטיין פאראליזירט נישט קענעדיג ארויס ברענגען א ווארט פון זייער מויל. דער חסיד האט שנעל אראפגענומען זיין גארטל און צוגעבונדן זייערע הענט און פיס. און איז באלד ארויסגעלאפן רופן די פאליציי, וועלכע האבן תיכף אפגעפירט די גזלנים אין תפיסה,

דער חסיד האט שוין יעצט פארשטאנען פארוואס דער צדיק האט אים געהייסן צוריק אהיימגיין, ווייל דאס איז געווען צו ראטאווען זיין הויז געזינט און דער צדיק האט דאס אלעם געזען ,אבער ער האט נישט געקענט פארשטיין פארוואס איז באפאלן אזא פלוצלונג שרעק ווי נאר זיי האבן איבער געטראטן זיין שוועל? ווען מען האט אויסגעפארשט די גזלנים איז שוין קלאר געווארן די גאנצע מעשה, ווייל די גזלנים האבן דערציילט פאר די פאליציי אז זיי האבן געהערט אז דער חסיד פארט אוועק אויף יו"ט, האבן זיי באשלאסן צו בארויבעווען זיין גאנץ פארמעגן, און עס וועט נישט זיין קיין ווידערשטאנד פון די בני בית, אבער וויבאלד זיי האבן נאר געזען דער חסיד און אז ער איז געווען ארומגעבינדן מיט דעם גארטל איז אויף זיי געפאלן א שרעק און זיי האבן געפילט ווי זיי זענען פאראלעזירט און גארנישט געקענט טאן. דעמאלטס איז שוין געווארן קלאר דעם צדיק'ס טיפע כוונה, צו בלייבן ביי זיך אין שטוב און ארומבינדן מיט דעם רבי'נס גארטל וועלכע איז באמת געווען א שמירה פאר אים זיך אויס צוהיטן ווערן פון א סכנה.

## דער שפאלע זיידע ברענגט אראפ משה רבינו צו זאגן די עשרת הדברות

נישט ווייט פון שטאט שפאלע וואו דער הייליגער צדיק ר' ארי' לייב דער שפאלע זיידע האט געוואוינט, איז געווען א שטעטל וואו די אידן האבן געלעבט במנוחה מיט די גויים ביז איין טאג האט א פריץ אפגעקויפט די גאנצע געגנט ארום און עס האט זיך אנגעפאנגען די צרות פאר די אידן, אין אנפאנג קליינע גזירות און נאכדעם אביסל שווערער גזירות. דער פריץ האט זיך נאך געגעבן זיינע אלע תאוות און געמאכט כסדר סעודות פאר זיינע חבירים און פריצים און די בראנפן האט זיך געגאסן און די שיכורים האבן זיך געמערט. איינמאל ביי א סעודה נאכן זיך שיכור'ן האט ער געזאגט זיינע חבירים אז ער וועט זיי פרייליך מאכן און ער האט געשיקט רופן עטליכע אידן וואס האבן געדונגען ביי אים א קרעטשמע און זיי געהייסן צאלן א סכום געלט פאר שכירות וואס איז געווען אומעגלאך צו באצאלן און דער פריץ האט זיי געשלאגן און אריינגעווארפן אין תפיסה, און זיינע חבירים האבן שטארק געלאכט, און דער פריץ איז געווען איבער גליקלאך! אינדערפרי ווען דער פריץ איז געווארן וואך, האט מען אים דערציילט וואס ער האט געטאן מיט די אידן, איז ער געווארן גאר צופרידן און געשיקט פארן קהילה אז ער וויל א גרויסע סכום געלט צו אויסלייזן די אידן, און מען האט דעם פריץ איינגעבעטן ער זאל רחמנות האבן און ער האט דאס מאל זיי ארויס געלאזט מיט קליין געלט, אבער צרות האט ער געמאכט ביז איין טאג איז אים אריין אין געדאנק אז יעדע איד וואס וואוינט אין זיין שטעטל מוז אויפהענגען ביי זיי אין שטוב א בילד פון יאשקע ימ"ש ביז א חודש צייט, און דער וואס וועט נישט האבן ביי זיך אזא בילד אין שטוב וועט מען זיי פאטרייבן פון שטאט אן רחמנות, און אויך אז די געשעפטן מוזן זיין אפען אין שבת!

דאס איז געווען אפאר וואכן פאר שבועות, זענען די ראשי קהילה געפארן צום שפאלא זיידע און אים דערציילט פון די רשעות פון פריץ און זיינע צרות און יעצט איז שוין באו מים עד נפש! דער שפאלא זיידע גייט אריין אין א טיפע דביקות און שוועבט אין העכערע עולמות ביז ער קומט צו זיך און ענטפערט די ראשי הקהל איר דארפט זיך נישט זארגן איך וועל זיך מיט אים א עצה געבן און אפשר דארף מען אים בעטן הערן די עשרת הדברות"! עס ווערט שטיל אין צימער און דער שפאלע זיידע איז מסביר זיינע ווערטער: דעם שבועות וועל איך באפוילן אלע מיינע חסידים צו קומען דאווענען ביי אייך אין שטאט און איך וועל אויך קומען, און פאר

יו"ט זאל מען גיין זאגן דעם פריץ אז א גרויסע קהל וועט קומען אין שטעטל אויף יו"ט און זיי ווילן מיט כבוד איינלאדענען דעם פריץ מיט זיינע ידידים צו קומען זען דעם דאווענען, און דער אויבערשטער וועט העלפן.

דער יו"ט דערנענטערט זיך און א חשובע משלחת איז געקומען צום פריץ און ער האט געענטפערט אז ער וועט קומען מיט זיינע ידידים, און דאס וועט זיי זיכער פריילאך מאכן! דערווייל ערב יו"ט איז געקומען א גרויסער עולם און די קליין שול וואלט נישט געקענט האלטן אזא עולם האט מען גענומען א ליידיגע פלאץ נישט ווייט פון שול און אויפגעשטעלט א געצעלט וואס איז געווען גענוג גרויס פאר אלעמאן. יו"ט אינדערפרי זענען אנגעקומען דער פריץ מיט זיינע ידידים און מען האט זיי מכבד געווען מיט א פלאץ צו זיצן און דער עולם הויבט אן צו דאווענען און די גויים קוקן דאס אן מיט א געלעכטער און שפאס ביז דער שפאלע זיידע האט אנגעפאנגען זאגן שמע ישראל ביי ק"ש האט זייערע פנים'ער געווארן אביסל ערנסטער.

פאר קריאת התורה האט דער רבי געבעטן פון די גויים צו קומען נענטער צו די בימה. און געשטעלט א חסיד זאל איבער טייטשן פאר די גויים וואס מען גייט יעצט זאגן: און דער רבי האט געהייסן איינעם פון זיינע חסידים צו ליינען די עשרת הדברות מיט א הויכע און שטארקע קול, און טאקע דער חסיד הויבט אן אנכי און פלוצלינג הויבט זיך אן צו דונערן און בליצן און דער גאנצער עולם און די גויים הויבן אן צו ציטערן און זיך דערשראקן, און נאכדעם האט דאס אויפגעהערט, און דער בעל קורא ליינט ווייטער און א חסיד איז מסביר פאר די גויים יעדן ווארט, דער פריץ הערט מען טאר נישט דינען עו"ז דערמאנט ער זיך פון זיין גזירה פון אויפהענגען דעם בילד, און פון היטן שבת, דער פנים פון פריץ איז געווארן ווייס פון פחד און געהייסן זיינע חבירים אהיים גיין. און ער איז צוגעגאנגען צום שפאלע זיידע אז ער וויל זיך טרעפן מיט אים.

דער שפאלע זיידע האט געזאגט פאר די מענטשן פון שטעטל "אז די גזירות וועלן שוין בטל ווערן און אזא עשרת הדברות וועט איר אין אייער לעבן נאכאמאל נישט הערן ווייל איך האב געפויעלט אז משה רבינו זאל אליין קומען און זאגן די עשרת הדיברות ווייל מען האט מיר מגלה געווען אז דער פריץ האט א ניצוץ פון יתרו און נאר משה קען אים מתקן זיין, און נאך אזא עשרת הדיברות וועט דער פריץ אויך זיך מגייר זיין אזוי ווי יתרו"!

מוצאי יו"ט איז דער שפאלע זיידע געגאנגען באזוכן דעם פריץ, וואס האט געזאגט אז ער איז מבטל די שלעכטע גזירות און דער פלאץ וואו מען האט אויפגעשטעלט א געצעלט צו דאווענען, גיט ער אוועק פארן קהל און ער וועט זיי בויען דארטן א שול! דער פריץ האט נאכדעם פארקויפט זיין רכוש און איז אוועק געפארן אין א ווייטן ארט און האט זיך מגייר געווען זיע"א.

## אין זכות פון מילה האט ער זוכה געווען צו אליהו הנביא

הרה"ק ר' שמחה בונים קאליש זון פון הרה"ק ר' מענדיל פון ווארקא זצוק"ל איז געווען א רבי אין אטוואצק (תרי"א - ב' שבט תרס"ז) און בסוף ימיו איז ער ארויף קיין ארץ ישראל און מנו"כ איז אין שטאט טבריא. ער האט געהאט זייער אסאך חשובע חסידים. איינמאל זענען צוויי יונגע חסידים פון א קליינע פוילשע שטעטל זיך ארויסגעלאזט צו זיין אין אטוואצק ביי זייער רבי'ן אויף שבועות, זייענדיג זייער ארעם זענען זיי געגאנגען צופוס פון גאר אינדערפרי. אזוי גייענדיג פארטיפט אין די געדאנקן, האבן זיי גארנישט באמערקט אז די זון איז שוין אונטערגעגאנגען און פון דערווייטענס האט מען געזען א ליכטיגקייט און האבן פארשטאנען אז זיי זענען נישט ווייט פון א קרעטשמע. זענען זיי צוגעגאנגען און געפרעגט צו זיי קענען דארטן איבערנעכטיגן. דער בעל הקרעטשמע איז געווען א חסידישער איד און האט זיי ווארעם אויפגענומען מיט א ברייטן שלום עליכם.

דער איד מערקט אויף די יונגעלייט א שטארקן זארג אויף זייער פנים און פרעגט היתכן אז חסידישע אידן זאל זיין אזוי באזארגט! האבן זיי געענטפערט אז זיי זענען באזארגט ווייל זיי ווילן זיין ביי זייער רבין אויף יו"ט און האבן נישט וואס אים צו ברענגען, ווייל קיין געלט האבן זיי נישט מיט וואס צו קויפן א מתנה פארן הייליגן צדיק. און האבן דערציילט פון זייער גרויסע ארימקייט און זיי האפן צו ברענגען א מתנה פארן רבין אלץ א פדיון און האבן א ישועה.

דער איד האט אוועק געשטעלט אויפן טיש א פלאש מעד און זיי מכבד געווען מיט עטליכע גלעזלאך און געטרונקען און געוואונטשן: לחיים! לחיים! דער איד דער בעל הקרעטשמע איז געזעצן מיט זיי און פארברענגט ביז עס איז געווארן שפעט און ער האט זיי ארייגערופן אין א שיינעם צימער און האט זיי געגעבן וואו צו שלאפן. אינדערפרי האבן זיי זיך געזעגנט פון בעל הבית און אים באדאנקט פארן הכנסת אורחים. רופט זיך אן דער איד: "איר פארט צום רבי'ן אויף שבועות, נעמט א פלאש מעד און גיט דאס פארן רבין און ער וועט שטארק הנאה האבן פון דעם". די חסידים האבן זיך געפרייט אז זיי וועלן יעצט נישט קומען ליידיג צום רבין. זיי זענען אריין צום רבין און אים געגעבן די פלאש מעד און דער רבי האט זיך זייער געפריידט מיט דעם, און זיי ווארעם אנגעוואונטשן מיט גוטע פרנסה. דערווייל ביים טיש איז געלעגן פארן רבין אסאך טייערע וויין וואס די רייכע חסידים האבן געברענגט אבער צו אלעמענ'ס וואונדער האט דער רבי נאר געטרונקען פון די מעד וואס די ארימע יונגעלייט האבן געברענגט. און זיי האבן נישט פארשטאנען פארוואס דער רבי נעמט נישט פון זייערע טייערע ווייגען וואס זיי האבן געברענגט!

נאכמער איז געווען א פלא אז נאך ווען דער רבי האט פארזוכט אביסעלע מעד האט ער געזאגט דאס איז ממש טעם גן עדן. דעריבער האבן די צוויי ארימע חסידים זיך שטארק געפרייט אז דוקא זייער מתנה האט אזוי שטארק געטראפן חן ביים רבין. און דער רבי האט זיי נאכאמאל געגעבן א ברכה. דעם יו"ט איז אריבער מיט א גאר דערהויבנקייט. זיי זענען געבליבן א פאר טעג צו געניסן פון די ליכטיגקייט פון רבין און נאכדעם זיך געזעגנט פון רבין און זיי זענען געגאנגען צוריק צו פוס. זיי האבן מחליט געווען אז זיי וועלן צוריק גיין נאכאמאל צום זעלבן קרעטשמע און בעטן נאך א פאר פלעשלאך מעד פארן רבין און אזוי ווען זיי וועלן פארן גי אנדערע יאר אויף יום טוב שבועות, וועלן זיי געבן פארן רבין די מעד וואס האט א טעם גן עדן.

ווען זיי זענען אנגעקומען צום קרעטשמע האבן זיי געטראפן דעם בעל הקרעטשמע אנגעטאן אין זיינע יום טוב'דיגע קליידער כאטש עס איז געווען א וואכענדיגע טאג. זיי זאגן שלום עליכם! עליכם שלום! דער בעל הקרעטשמע האט זיי ווייטער ווארעם אויפגענומען און זיך אינטרעסירט ווי אזוי דער רבי האט געפראוועט די טישן און די תורות וואס ער האט געזאגט. זיי האבן פארברענגט לאנגע שעות ביז עס איז שוין געווארן שפעט אינדערנאכט. האבן די חסידים געבעטן אז היות דער רבי האט געהאט נאך פלעשלאך ווין אויפן טיש און האט נאר געטרונקען דיין מעד און אויך געזאגט דאס איז א טעם גן עדן! ממילא בעטן מיר אויב מיר קענען באקומען פון אייך נאך א פאר פלעשער פארן רבין.

דער בעל הקרעטשמע האט זיי אנגעקוקט און אראפגעלאזט זיין פנים און געזאגט: הערט זיך צו מיינע טייערע אידן וואס איך האב צו דערציילען.

ב"ה איך פארדין זייער שיין פון דעם קרעטשמע. אמאל מיט עטליכע צוואנציג יאר צוריק בין איך געווען א שוחט אין א קליין שטעטל און אויך דער איינציגסטער מוהל אין געגענט, און די פרנסה איז געווען שוואך. איין יאר ערב יום כיפור ווען איך האב אנגעגרייט די כפרות וואס האט מיר געברענגט א שיינע הכנסה, קומט א איד און זאגט מיר אז מארגן ערב יו"כ דארף ער א מוהל און גיט מיר די אדרעס. איך האב נישט געוואוסט וואס צו טאן! אוועקפארן ערב יום כיפור צום ברית האט געמיינט צו פארלירן א סך געלט, ווייל א שוחט קוקט ארויף א גאנץ יאר אויף דעם, אבער מצד שני האט מיר געקלאפט אין מוח: פָאר און זיי מכנים א אידיש קינד בבריתו של אברהם אבינו!

דער שטעטל וואו דער ברית האט געדארפט זיין איז נישט געווען ווייט פון מיין שטעטל האב איך מחליט געווען איך פָאר מאכן דעם ברית, און די שחיטה האב איך געבעטן דעם אנדערן שוחט פון שטעטל ער זאל איבערנעמען מיין פלאץ און איך בין גלייך געפארן צום ברית. ביים הויז וואו די ברית האט געדארפט זיין איז דער מאן נישט געווען ווייל דער דארפסמאן איז אוועק צו דער ארבעט גאר פרי און געזאגט זיין ווייב מען זאל נישט ווארטן אויף אים. און די צייט רוקט זיך און באלד וועט ווערן שפעט און עס איז ערב יום כיפור און איך דארף נאך אהיימקומען צום צייט פון כל נדרי?

בין איך ארויס אינדרויסן זוכן א מנין צום ברית און אויך א סנדק. און ווייל עס איז געווען ערב יו"כ האב איך שנעל געטראפן א מנין און יעצט האב איך געדארפט א סנדק. איך גיי ארויס פון שטוב און איך זע א אלטע איד מיט א שיינעם הדרת פנים און ער איז מיר אנקעגן געקומען, האב איך אים געבעטן זיין א סנדק און ער האט מסכים געווען. דער ברית איז געפראוועט געווארן אויפן שיינעם אויפן, און מען האט מיר זייע שיין באצאלט פארן מילה. איך האב געוואלט דאנקען דעם אלטן איד פארן זיין סנדק, אבער ער איז ווי פארשוואונדען געווארן. איך בין אהיים יאגעדיג כדי נאך עפעס עסן לכבוד ערב יו"כ און צו מיין וואונדער טרעף איך יענעם אלטן איד לעבן מיין שטוב, און איך בעט אים אריינקומען צו מיר אין שטוב עפעס עסן און נאכהער קומען אין שול. דער איד האט געזאגט ער דארף נישט עסן, נאר ער האט געבעטן איך זאל ברענגען א פלאש פון מעד און גיסט אן א ביסל און טרינקט א לחיים. נאכן לחיים האט זיך אנגערופן דעם איד צו מיר "איך גיב דיר א ברכה אז דו זאלסט שטענדיג קענען טרינקען מעד פון דעם פלאש און עס זאל נישט ווערן ליידיג ביז דו וועסט חתונה מאכן דיין יונגסטן איניקל און נאכדעם וועט שוין נישט זיין מעד אין די פלאש. איך האב געוואלט דאנקן דעם איד און גיין מיט אים אין שול אבער ער איז נעלם געווארן. און טאקע דער ברכה פון אלטן איד איז מקויים געווארן ווייל פון יענע פלעשל מעד האט געפליסט מעד מיט א מורה'דיגן געשמאק און פון דעם האב איך זייער מצליח געווען.

זאגט דער בעל הקרעטשמע ווייטער אז די סיבה וואס איך גיי יעצט אנגעטאן מיט בגדי שבת איז ווייל איך האב יעצט געענדיגט די שבע ברכות פון מיין יונגסטן איניקל, גיי איך אנגעטאן בגדי שבת און ביי די חתונה האב איך נאך געטיילט מעד פון יענע פלאש אבער ווי נאר די חתונה האט זיך געענדיגט האב איך אפילו א טראפ אויך נישט געקענט ארויסנעמען! איך וואלט אייך געוואלט געבן פארן רבין א פאר פלעשער מעד אבער עס איז מער נישטא קיין מעד.

די צוויי חסידים זענען געשטאנען אין א זייט און איינגעזאפט יעדן ווארט פון דער בעל הקרעטשמע. און האבן זיך אנגערופן "מן הסתם איז יענער אלטער איד געווען אליהו הנביא, און וועגן דעם האט די מעד געהאט א טעם גן עדן און נאך דערצו האסטו זוכה געווען צו זען אליהו הנביא צוויי מאל. זיע"א

## נישט געהאט רחמנות און נישט געהאט קינדער

אין שטאט סאלקא האט געוואוינט א חסיד פון הרה"צ ר' יצחק אייזיק מזידיטשוב זצוק"ל מען האט אים גערופן דער נגיד ר' פישל. און נאר דורך די ברכה פון הרה"צ מזידיטשוב איז ער געווארן א עושר. זיין פרנסה איז געווען פון זייענדיג א בעל עגלה און איינמאל האט מען אים געבעטן ער זאל נעמען די חסידים קיין זידיטשוב אויף שבועות און ער האט מסכים געווען און געבליבן שבועות ביים רבין. יענע יאר איז ערב שבועות געווען שבת און ר' פישל האט שטארק איינגעבעטן דעם גבאי ער זאל אים געבן א עליה און דער גבאי האט מסכים געווען. ביי זיין קריאה איז פונקט געווען די פסוק פון שנים ועשרים אלף און דער רבי האט זיך אבגעשטעלט ביי די ווערטער און געדרייט מיט די הענט א פאר מינוט און האט געענדיגט די קריאה דארטן. ר' פישל האט נישט פארשטאנען די כוונה ביז נאך יו"ט ווען ער איז אהיים געקומען קיין סאלקע האט ער געטראפן א איד וואס האט אים אנגעטראפן א געשעפט און ביז א קורצן צייט האט ר' פישל פארדינט צוויי און צוואנציג טוינט רובל -שנים ועשרים אלף- אזוי ווי דער קריאה פון רבין. יעצט איז ער געווארן ר' פישל דער נגיד. און פון דעמאלטס אן האט ער געהאט גרויס הצלחה. פון יענע נסיעה האט ער נישט פארפעלט א נסיעה אויף שבועות קיין זידיטשוב.

געלט האט אים שוין נישט געפעלט אבער לא עלינו האט ער נישט זוכה געווען צו קינדער. ער פלעגט אויך פארן אפט צום צדיק הרה"ק ר' משולם פייש פון טאש וואס איז געווען א באוואוסטע פועל ישועות און געבעטן אז דער רבי זאל אים צוזאגן קינדער אבער דער רבי האט אים אנגעוואונטשן אבער אן קיין צוזאג. ר' פישל זייענדיג א נגיד פלעגן די בנן של קדושים איינשטיין ביי אים ווייל ער האט געהאט א גרויסן הויז און געוואוינט אויפן וועג צו אסאך שטעט. איינמאל איז אוים געקומען אז א בנן של קדושים איז אנגעקומען קיין טאש און דער צדיק האט אים געפרעגט פון וואו ער איז געקומען און האט געענטפערט פון סאלקא. און די שמועס איז געווארן פון ר' פישל. דער רבי האט אים געזאגט אז מען דארף העלפן ר' פישל מיט א קינד אבער די תפילות זיינע גייען נישט ארויף.

דער רבי האט געפרעגט וועגן די הכנסת אורחים פון ר' פישל און האט דערציילט אז ר' פישל האט אים זייער שיין אויפגענומען אזוי ווי ער טוט מיט אלע בנן של קדושים. אבער מיין בעל עגלה מיט זיין פערד האט ר' פישל נישט געוואלט אריינלאזן און געהייסן זאלן זיין אינדרויסן. עס איז געווען א קאלטע רעגענדיגע נאכט און דער בעל עגלה איז כמעט פארפרוירן געווארן פון קעלט און די פערד איז געשטארבן. אינדערפרי האט איך געזען די מצב פון מיין בעל עגלה און איך האב אים אריינגענומען און אנגעווארעמט און דערמינטערט. דערווייל האט דער בעל עגלה נישט געהאט קיין פערד מיט וואס צו פארן האט ר' פישל דער נגיד רחמנות געהאט און געגעבן א פערד פארן בעל עגלה. דער רבי פון טאש איז געווארן זייער ערנסט אבער נישט גערעדט וועגן דעם ווייטער.

א צייט שטעטער איז ר' פישל געקומען קיין טאש און געבעטן דעם צדיק ער זאל אים צו זאגן א קינד און דער צדיק קוקט אין קוויטל און ווערט פארדביקות און נאך א פאר מינוט נעמט זיך דער צדיק בייזערן אויף ר' פישל און זאגט וואס האסטו געטאן מיטן בעל עגלה און זיין פערד וואס דו האסט זיי געלאזט אידרויסן אין די קאלטע רעגן און די צער פון זיי האט געשאפט א גרויסן קיטרוג אויף דיר ווייל דו האסט נישט געהאט רחמנות אויפן בעל עגלה און זיין פערד וועט מען פון הימל נישט רחמנות האבן

אויף דיר. דער צדיק האט אויסגעפירט איך האב נישט קיין רפואה פאר דיין מכה! ר' פישל האט איינגעזען זיין שלעכטע הנהגה אבער עס איז שוין געווען צו שפעט.

ר' פישל איז געגאנגען נאכדעם צו אסאך צדיקים אבער אלע האבן געזען אז די טויערן זענען געווען פארשלאסן. דער מעשה האט דערציילט הגאון ר' יצחק אייזיק ווייס ראב"ד ממונקאטש ומסוואליווע זצוק"ל ווי מען דארף מרחם זיין אויף אלע באשעפענישן אפילו א פערד.

## דער הייליגער ר' הערש'לע מרימינוב פארט אוועק און שאפט גרויסע געלטער פאר ר' משה מסאמבור

דער הייליגער ר' מנחם מענדל מרימינוב זצוק"ל האט געהאט פון די יונגערע תלמידים הרה"ק רבי משה מסאמבור זצוק"ל [הרה"צ ר' משה בן רבי יצחק אייזיק אייכנשטיין בעל מחבר תפלה למשה: תקכ"ה - ו' באייר ת"ר] און נאכן הסתלקות פון הייליגן רימינובער איז געווארן ממלא מקום הרה"ק ר' הערשל'ע מרימינוב.

ר' הערשל האט עוסק געווען אין שאפן אסאך צדקה. ער האט געהאט פארשידענע געלטער פאר אנדערע צוועקן כידוע, איינמאל איז געקומען א חסיד פון שטאט דוקלא קיין רימינוב און דערציילט פאר ר' הערשל אז אין שטאט דוקלא געפינט זיך יעצט ר' משה מסאמבור ווייל ער דארף שאפן געלט פאר זיינע חובות און ר' משה האט זיך אפגערעדט אז ער איז צובראכן ווייל ער איז דארטן שוין געווען פון שבת און האט זייער ווייניג געשאפט און ער קען נישט אהיים פארן מיט גארנישט ווייל ער דארף באצאלן זיינע חובות.

ווען ר' הערשל האט דאס געהערט האט ער געזאגט פאר זיינע גבאים אז זיי זאלן שנעל ברענגען א בעל עגלה ווייל מען דארף פארן קיין דוקלא און העלפן ר' משה מסאמבור! די גבאים און חסידים האבן נישט געשמעקט אז דער רבי זאל זיך ארפלאזן וועגן ר' משה מסאמבור, וואס איז געווען פון די יונגערע תלמידים פון ר' מענד'לע און ר' הערש'לע איז דאך יעצט דער רבי, האבן זיי נישט געהאט חשק אז זייער רבין זאל פארן! האבן זיי געגאנגען און צוריק געקומען און געזאגט אז עס איז נישטא קיין בעל עגלה יעצט וואס קען פארן קיין דוקלא!

ר' הערשל האט פארשטאנען זייער כוונה, און זיי שטרענג געזאגט אויב זיי ברענגען נישט שוין א בעל עגלה מיט א גרויסע וואגן, וועט ער זיך ארויסלאזן קיין דוקלא מיט די פיס, האבן די גבאים געזען אז זיי האבן נישט קיין ברירה און זיי האבן געברענגט א בעל עגלה מיט א גרויסע וואגן, און ר' הערשל האט געהייסן אז די גבאים און א טייל חסידים זאלן מיט קומען מיט אים קיין דוקלא. ר' הערשל האט געהייסן מען זאל אויסגעפונען וואו איז די אכסניא פון ר' משה מסאמבור ווייל דארטן גייט ער אויפנעמען די מענטשן.

פארשטייט זיך אז מען האט ארויס געגעבן א קלאנג אז דער רבי ר' הערשל מרימינוב איז אנגעקומען אין שטאט און וואו ער געפינט זיך, אידן דארפן ישועות און אלע האבן געוואוסט אז ר' הערשל איז כמעט נישט ארויס געפארן פון רימינוב, ממילא אז ער איז שוין געקומען דארף מען אריינכאפן! עס האט זיך געזאמלט זייער אסאך אידן צו גיין זיך פראוועון ביים רבין, און כידוע פלעגט ר' הערשל קענען בעטן אמאל גאר גרויסע געלטער כדי צו באקומען א ישועה [פ' וירא האבן מיר דאס באשריבן].

און ר' הערשל נעמט אויף דעם עולם און ווינטשט אן און דער עולם שענקט אים אן מיט אסאך געלט. אזוי האט ר' הערשל געטאן ביז מען האט שוין געזען אז מען קומט שוין נישט פראוועון, דער טיש איז געווען אנגעפילט מיט א הויפן פון געלט! ר' הערשל שטעלט זיך אויף און גייט צו ר' משה מסאמבור און געזעגנט זיך פון אים און ווייזט אים אז די גאנצע געלט איז פאר ר' משה, ר' משה'ס פנים האט געלויכטן פון פרייד און האט אים שטארק באדאנקט און געזאגט פאר ר' הערשל: יעצט וועל איך דיר דערציילן א מעשה פון רבין ר' מענד'לע:

אזוי ווי איך בין געווען פון די געטרייע תלמידים פון ר' מענד'לע און איך האב קיינמאל נישט פארפעלט צו פארן א נסיעה צום רבין אויף יו"ט שבועות. איין יאר פאר שבועות האט זיך דער רבי נישט געשפירט גוט און די דאקטוירים האבן געזען זיין שוואכן געזונט האבן זיי געזאגט אז ער מוז פארן קיין אונגארן צו די בעדער און טרינקען דארט פון די קוואל וואסער, און אזוי וועט ער זיך אויסהיילן. דער געזונט איז פאר אלעם און דער רבי איז געפארן און ער האט טאקע געזען א גרויסן ענדערונג אין זיין געזונט, און האט מחליט געווען ער וועט פאלגן די דאקטוירים און בלייבן ביי די בעדער ביז ער וועט צוריקומען צו די געזונטע כוחות. אזוי האט זיך דערנענטערט דער יו"ט שבועות און ר' מענדל האט מחליט געווען אז ער בלייבט דארטן אויף שבועות, ער דארף זיין געזונט!

זאגט ר' משה פאר ר' הערשל אז אזוי ווי איך האב נישט פארפעלט קיין נסיעה אויף שבועות צום רבין, ממילא קען איך נישט פארפעלן דעם יאר, אבער אזא נסיעה איז דאך גאר ווייט און איז גאנץ א טייערע נסיעה, האב איך זיך אנגעשטרענגט מיט מסירת נפש און געבארגט געלט און איך בין אנגעקומען קיין אונגארן צו מקבל זיין די תורה ביים רבין!

ווען איך האב געגאנגען געבן שלום פארן רבין איז דאס געווען ערב שבועות און ווען דער רבין האט מיר געזען איז ער געווארן מלא שמחה און זיך אנגערופן: דו ווייסט דאך אז אלע יאר קומען הונדערטער חסידים קיין רימינוב אויף שבועות, און יעצט אז דו ביזט געקומען דא איז ביי מיר חשוב אזוי ווי די הונדערטער חסידים וואס וואלטן געקומען קיין רימינוב, און ווייל דו האסט מיר דערפריידט וועל איך דיר באצאלן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. דעם שבועות מיטן רבין איז געווען זייער דערהויבן, און נאך יו"ט האבן מיר זיך ווארעם געזעגנט.

האט ר' משה אויסגעפירט פאר ר' הערשל אז דעם באצאלן אויף יענע וועלט, דאס איז ער זיכער, אבער ער האט דערווייל נאך נישט זוכה געווען צו ווערן באצאלט אויף דעם וועלט, און יעצט האט איר אפגעצאלט דעם רבין'ס צוזאג, ווייל יעצט מיט די געלט וועל איך קענען אפצאלן אלע מיינע חובות און קענען אויך ווייטער לעבן דערפון. און האט נאכאמאל געדאנקט ר' הערשל פאר זיין קומען און אים העלפן. די גדלות פון א צדיק איז אוועק צוגעבן פון זיך זיע"א.

## הייליגער בעל שם טוב איז זיין יארצייט יום א' דשבועות?

### וועלכע טאג שבועות איז דער יארצייט

עס איז א גרויסע וואונדער אז מען ווייסט נישט וועלכן טאג פון שבועות איז דער הייליגער בעש"ט נסתלק געווארן. אמאל קען מען פארשטיין אז יארן שפעטער זאל מען נישט געדענקען, אבער דא איז גלייך ביים ערשטן יארצייט שוין געווען חילוקי דעות און גרויסע צדיקים האבן חולק געווען און יעדער האט געהאט ראיות צו זיך, הגם מען האט לעצטנס געטראפן א כתב יד פון זון פון הייליגן תולדות יעקב יוסף וואס דער תולדות איז געווען פון די גרויסע תלמידים פון בעש"ט, און זיין זון שרייבט אז דער בעש"ט איז נסתלק געווארן יום א' דשבועות, אבער עס זענען נאך דא צדיקים און חסידים וואס האלטן בקבלה אז דעם הסתלקות איז געווען יום ב', און זיי רירן זיך נישט פון זייער קבלה.

## דער בעש"ט ווייזט מעמד הר סיני

דער בעש"ט איידער ער איז נתגלה געווארן איז ער געווען א מלמד פאר קינדער, און האט געוויזן זיינע תלמידים זייער חלק פון די תורה מיט די בחינה פון מעמד הר סיני מיט קולות וברקים, איינמאל אין שבועות האט ער געלערנט מיט די תלמידים דעם סדר פון מתן תורה, און האט געפרעגט די תלמידים צו זיי גדענקען דעם מעמד הר סיני? און אלע האבן געענפערט בפה אחד: מיר גדענקען! ווייל ער האט זיי געעפנט זייער דעת און שכל ביז זיי האבן ממש גדענקט. און דאס איז געווען א קליינע זאך צו טאן פארן בעש"ט, אבער איין אינגל האט זיך אנגערופן: רבי, איך גדענק נישט! שפעטער איז דער תלמיד אראפ פון וועג רח"ל. (ספר מעשה השם)

## בעש"ט בענטש מיט אריכות ימים

אין א געשעפט אין פוילן איז געשטאנען א עלטערע איד מיט א ווייסע בארד און האט פארקויפט פאר מענטשן. לעבן אים איז געזעצן א יונגערמאן מיט א שווארצע בארד. פון צייט צו צייט האט דער יונגערמאן אנגעשריגן דעם עלטערן איד און געווארן בייז אויף אים. ווען איינער פון די קונים האט געזעהן די הנהגה פון דעם יונגערמאן ווי ער פירט זיך צו דעם עלטערן איד, האט ער זיך אנגערופן: איר שעמט זיך נישט? וואו איז אייער איידילקייט און דרך ארץ? אזוי רעדט מען צו א עלטערער איד? אבער ביידע אידן, דער עלטערער מיט דער יונגערער, האבן זיך צושמייכלט און דער יונגערמאן האט זיך אנגערופן: איך וועל דיר דערציילן א מעשה. ווען איך בין געווען א קליין קינד, האב איך געהאט די זכיה צו קענען דעם הייליגן בעש"ט, און איך האב אויך זוכה געווען צו דאווענען מיט אים אין זיין בית מדרש. איינמאל האט דער בעש"ט פארלוירן זיין סידור, און ער האט געהאט פון דעם גרויס צער. מ'האט דאס געזוכט, און נישט געטראפן. און איך האב באשלאסן צו גיין העלפן זוכן דעם סידור. דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן, און איך האב דאס געפונען. ווען איך האב דערלאנגט דעם סידור פארן בעש"ט האט ער מיר געבענטשט אז איך זאל זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים, און איך זאל אלעמאל אויסזען יונג און געזונט. יעצט פארשטייט איר שוין? איך בין בכלל נישט קיין יונגערמאן, איך האלט שוין איבער די הונדרעט יאר. און דער איד לעבן מיר מיט די לאנגע ווייסע בארד איז מיין זון, און דעריבער מעג איך זיך אזוי פירן ביי מיר אין געשעפט.

## א פשעטל פון בעל ברך משה מסאטמאר זיע"א געזאגט אין זענטא יצ"ו

עם שטייט אין מסכת (פסחים ס"ח:) אמר רב יוסף ביומא דעצרתא עבדו לי עגלא תלתא. אמר: אי לאו האי יומא דקא גרים כמה יוסף איכא בשוקא. רב יוסף האט משבח געווען דעם טאג וואס דורך דעם איז ער געווען א רב יוסף, לכאורה פארוואס האט רב יוסף געזאגט דוקא דעם טאג וואס איז משמע אז אויב די תורה וואלט געגעבן געווארן אין א אנדער טאג וואלט געווען נאך רב יוסף'ס? נאך איז שווער פארוואס דוקא רב יוסף האט דאס געזאגט און אנדערע אמוראים האבן נישט געזאגט אי לאו האי יומא? נאר מען קען דאס ענטפערן לויט וואס דער הייליגער חת"ם סופר זללה"ה שרייבט אין זיין ספר תורת משה לחג השבועות, אז אויב משה רבינו וואלט נישט מוסיף געווען איין טאג -ווי די גמ' זאגט יום אחד הוסיף משה מדעתו און דער אויבערשטער האט מסכים געווען- וואלט די לוחות נישט צובראכן געווארן, ווייל די סיבה פארוואס עס איז געווען די חטא העגל וואס האט גורם געווען די שבירת הלוחות איז ווייל עם שטייט אין מדרש (איכה פ"א ס"ג) אז פון י"ז בתמוז ביז ט' באב איז א צייט וואס געוועלטיגן שטארקע דינים, און די דינים האט געשטארקט אויף כלל ישראל צו מאכן א עגל, איז דאס נאר ווייל משה רבינו איז אראפ פון הימל י"ז תמוז. אבער אויב די תורה וואלט מען געגעבן ה' סיון וואלט זיך די פערציג טעג געענדיגט ט"ז תמוז און עס וואלט נישט געווען א צייט פון דינים און די אידן וואלטן נישט געמאכט א עגל ממילא וואלט מען נישט צובראכן די לוחות ע"כ

מיר טרעפן אין די גמ' (עירובין נ"ד.) ר' אלעזר האט געזאגט עס שטייט אין פסוק (שמות ל"ב ט"ז) והלחת מעשה אלקים המה והמכתב מכתב אלקים הוא חרות על הלוחות: אויב מען וואלט נישט צובראכן די לוחות הראשונות וואלט נישט פארגעסן געווארן די תורה פון א איד. קומט אוים אז דורך משה וואס האט צובראכן די לוחות איז דא שכחת התורה. און מיר טרעפן אין די גמ' (הוריות י"ד.) אמר רב יוחנן פליגי בה רבן שמעון בן גמליאל ורבנן איינער זאגט סיני עדיף דער וואס קען אסאך בקיאות, און איינער זאגט עוקר הרים עדיף דער וואס איז א למדן. רב יוסף איז געווען סיני און רבה איז געווען עוקר הרים, בלייבט די גמ' אז סיני עדיף ווייל אלע דארפן אנקומען צו בקיאות. ממילא איז רב יוסף שטארקער פון רבה, און מיט וואס האט רב יוסף זוכה געווען צו זיין א סיני? ווייל ער האט כסדר געחזר'ט דעריבער האט ער נישט פארגעסן וואס ער האט געלערנט.

דעריבער האט רב יוסף געזאגט אי לאו הא" יומ"א, אויב משה וואלט נישט מוסיף געווען איין טאג מדעתו, וואלט מען נישט צובראכן די לוחות, אזוי וואלט נישט געווען שכחה אויף די וועלט, וואלט רב יוסף נישט געדארפט חזר'ן, ווייל ער וואלט אלעם גדענקט, און ער וואלט נישט געווען אנדערש פון זיינע חברים, וואלט געווען אסאך יוסף'ס אין שוק, דאס מיינט <u>האי יומא</u>. וואס משה האט מוסיף געווען. און דעריבער האט דאס נאר רב יוסף געקענט זאגן אי לאו האי יומא, ווייל דורך זיין חזרה איז ער געווען א גדול הדור.

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- א שיינע מתנה

טור או"ח ווילנא תר"ס חתימות והגהות רבני טשענגער, עת לעשות ר' הילל קאלאמייא שמירה וסגולה, ספר שו"ת יד יוסף תרל"ד הרה"ג ר' יוסף יואל דייטש הגהות כת"י א חתימה הרה"ג ר' יעקב דובער הלוי הורוויץ $800 ספר שו"ת חוט השני עם חתימת הגאון ר' יוסף מטעלז, ספר עדת יעקב מאדמו"ר מנאוואמינסק שייך להגאון ר' אברהם פאם עם הקדשת המחבר $200, תהלים סלאוויטא של הג"ק מגז מפואר חסר שתי דפים שגולמו על נייר עתיק, א סעט מחזורים זיטאמיר אשכנז, שו"ת מים חיים געדרוקט אין זיטאמיר, ספר דברי יהושע מאניסטריטש דפוס ראשון בארדיטשוב, 40 גמרות פון זיטאמיר $5000, מס' עירובין פון סלאוויטא ר' משה שפירא. מכתב מהגאון מראגאטשוב, מכתב הרה"ק מהוסיאטין, תיקון ליל שבועות דפוס סלאוויטא, מדרש רבה דפוס זיטאמיר, קוויטל שכתב החזון איש על אחורי מכתב שנשלחו לו, ספר אדמת קודש וואס האט באלאנגט צו הגאון ר' אברהם פאם, ספר מיט חתימת הגאון ר' יעקב קמינלקי, א רשימה פון אונזער ספרים און בריוו צו באקומען

**Until further notice call 718 4388414 or email at: seforim@gmail.com, to order or to pick up orders To receive pardes: send to - pardesyehuda1@gmail.com *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר מחצית השקל און פדיון הבן און פאר פדיון נפש דער גליון איז מוקדש לעי"נ מיין פלימעניק הבה"ה יוחנן ע"ה בן יחזקאל בנימין רובי נ"י – – י' סיון תשע"ט טוב שם טוב משמן טוב! אויך זאל דער גליון זיין א זכות פאר אלע מיינע ידידים וואס זענען ל"ע קראנק געווארן, זאלן זיי האבן א גאנצע רפואה במהרה אמן א פריילכן יו"ט